STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05408

IN SHPIGL FUN UMRU

H. Erlikh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Bernice B. Oswald
in memory of
her beloved Bubeh, Alte Chave Blechman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ערליך

אין שפיגל פון אומרו

ארויסגעגעבן דורך דעם פֿאַרלאַג „קאַיאָר“
יאָהאַנעסבורג, דרום־אפריקע,
תשל״ו — 1976.

IN SHPIGL FUN UMRU

BY H. EHRLICH

Published by The "Kayor" Publishers

Johannesburg, South Africa,

1 9 7 6

איך האָב ליב צו הערן
דאָס געזאַנג פונעם בויער,
דאָך ליבער איז מיר
דער שטילער טרויער.

ה. ערליך

אינהאַלט

ערשטער טייל: אין שפּיגל פון אומרו — ה. ערליך

איך שרייב ניט קיין לידער	9
זוכסט דעם זין פון לעבן?	10—11
די גאָלדענע פּאַווע	12
עפּעס איז די זון קאַפּריזנע	13
איך זוך די טעג	14—15
אַ משא אַ שווערע	16
מיין האַרץ איז ניט קיין שפּיגל	17
דער טאָג איז אַוועק	18
שטילער מיין פויגל	19
זאָג מיר דו ווינט...	20
אַ שטערן געפאַלן	21
ביים ברעג ים	22
מיין יוגנט	23
שטימונגען	24—25
לאַנג איז דער וועג	26
עס פאַלן די בלעטער פון לעבן	27
איך קאָן קיין פריילעכע לידער ניט זינגען	28
אזוי איז געווען אזו איז היינט	29
שטילער, שטילער	30
צום טויט פון אַ בלום	31
חלומות...	32
מיין צימער איז טונקל	33
איך קוק אויף די שטערן	34
קורץ איז מיין אָטעם...	35
איך גיי אין וואַלד	36
אין חלום	37
אילוזיע	38
אין שפּיגל	39—40
וואָס לענגער דער וועג	41
זכרונות	42
קברים־בלומען	43
איך ווייס אז מיין טראַכטן	44
פאַנטאַזיע	45
בלומען־פאַרקויפער	46
וויג־ליד	47
פאַרשלעפער מיך פויגל	48—49
איך גיי אין דער נאַכט	50—51
זאָג מיר, אָ, פריינד	52
כוואַליעס אין ים	53
איך זוך אין די רוימען	54
פויגל, מיין פויגל	55
אין מיין גאָרטן	56
גוט מאָרגן דיר זון	57
קליינע, קליינע, בלימעלעך	58
זאַמל און זאַמל	59
גליק	60
אין צימער איז פינצטער	61—62
טרערן פאַלן...	63—64
מיין אָרעמע מוזע	65
עס הענגט אַ וואָלקן	66—67
נירוואַנאַ	68
צו אַ פריינד	69
יוגנט...	70
ווידער אַ ליד	71
מיינע טרערן וואַקסן	72
פלאַנץ ניט בלומען אין שטיינער	73
רעגנבויגן	74
האָפענונגען מיינע	75
עס פרעגט מיין געליבטע	76
קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד	77
סאַרקאַזם	78
אַן אַלטע מעשה	79—80
ניט מער ווי אַ חלום...	81—82
אין גן־עדן	83—84
כל הנחלים הולכים אל הים	85
געשיכטע, געשיכטע	86
די זון איז פאַרגאַנגען	87
צייט, אָ, צייט	88—89
צווישן טאָג און נאַכט	90
דער גאָלדענער מאָרגן	91—92
מה יתרון לאדם מכל עמלו?	93
אַלץ פאַרגייט	94
Finita La Comedia	95

צווייטער טייל : לידער און פּאָעמעס פון אינדישן פילאָסאָף

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — איבערזעצט : ה. ערליך

װער ביסטו לייענער — — — —103
איך בענק צו גיין — — — — 104—105
װאָלקנס און כװאַליעס — — — —106
דער סוחר — —— — — —170
די טשאַמפּאַ־בלום — — — —108
דער קװאַל — — — — — —109
איך האָב געטראַכט — — — —110
עס איז צייט פאַר מיר צו גיין — —111
װען און פאַרװאָס — — — — —112
אויפן ברעג פון ים — — — —113
די בלומען־שול — — — — —114
כאָטש דער אָװנט קומט — — —115
די ערשטע יאַסמינען — — — —116
אויב דו איילסט זיך — — — 117—118
דער פאָטער איז געקומען — — —119
דער מענטש האָט ניט געהאַט קיין
נוצלעכע אַרבעט — — — 120—122
רייזנדער, װוהין גייסטו ? — — —123
אַ װאַנזיניקער װאַנדערער — — 124—125
קיינער לעבט ניט אייביק — — 126—127
בלאָנדזשענדיקע פוילגען — — 128—129
סימפּאַטיע — — — — — —130
מוטער, איך װעל פלעכטן אַ קייט
פון פּערל — — — — —131
אַ מתנה — — — — — — —132
מיין ליד, קינד מיינס — — — —133
װאָלסטו ארויפלייגן דיין קראַנץ — —134
איך יאָג זיך נאָך — — — — —135
מאַך מיר פריי — — — — —136
אין אוידיענץ־זאַל — — — — —137
רייד צו מיר, מיין געליבטער — —138
האָב צוטרוי צו דער ליבע — — —139
אין דעם טונקעלן װעג — — — —140
אין אַ פרימאָרגן — — — — —141
װאָלקנס אויף װאָלקנס — — — —142
איך בין װי די נאַכט — — — —143
איך האָב אַראָפּגעריסן — — — —144
דער זעלבער שטראָם — — — —145
האַלט ניט דעם סוד — — — —146
רייס אָפּ די קליינע בלום — — —147

איך שרייב ניט קיין לידער

איך שרייב ניט קיין לידער
כ'זאָל וועמען געפעלן,
און בעט ניט ביי קיינעם
מיר דענקמעלער שטעלן.

כ'האָב לידער געשריבן
גלייכע און קרומע,
לידער וואָס ריידן,
לידער אויך שטומע.

אָפטמאָל געשריבן
מיט טרער אָנשטאָט טינט,
געיאָגט און געטריבן
פון שטורעם און ווינט.

ניטאָ אין מיין ליד
קיין פריילעכע טענער,
דאָס אומרו אין מיר
זינגט אין מיר שענער.

זוכסט דעם זין פון לעבן?

פרעג דעם בוים,
פרעג די בלום,
פרעג די גראָזן
אומעטום.

פרעג דעם שטורעם
און דעם ווינט,
פרעג דעם בליץ
וואָס גיך פאַרשווינדט.

פרעג די כוואַליעס
און דעם ים,
פרעג דעם פייער
און דעם פלאַם.

פרעג דעם טאָג
פרעג די שעה,
וואָס פאַרגייט
און מער ניטאָ.

פרעג דעם טוי
פון באַגינען,
צי דאָס לעבן
האָט אַ זינען ?

פרעג מיין פריינד
און ווער ניט מיד,
ווי דער דיכטער
אין זיין ליד.

די גאָלדענע פּאַווע

די גאָלדענע פּאַווע
איז געקומען צופליען
ווען געהאַלטן האָט די זון
ביים פאַרגיין.
ביים שיין פון לבנה
צעשפּרייט אירע פליגלען,
און איך ווי אַ בלינדער
בלייב שטיין.

גאָלדענע פּאַווע
פאַרוואָס אזוי שפּעט
ביסטו געקומען צופליען ?
צי זעסטו אין מיר
די פונקען די לעצטע
וואָס האַלטן איר מיר
נאָך אין גליען ?

די גאָלדענע פּאַווע
וואָס צו מיר איז געקומען,
געבראַכט האָט זי דערנער
אָנשטאָט ברענגען בלומען.

און גלייך אין פרימאָרגן,
ווען טאָג ווערט געבוירן,
די גאָלדענע פּאַווע
אין נאַכט ווערט פאַרלוירן.

עפּעס איז די זון קאַפּריזנע

עפּעס איז די זון קאַפּריזנע
ווי אַ קינד וואָס איז פאַרצויגן —
אַט־זשע לאַכט עס, אַט־זשע וויינט עס,
ווישט די טרערלעך פון די אויגן.

היינט איז מיר די זון אַ שוואַרצע,
און די וואָלקנס אויכעט שוואַרץ.
ס'איז דער הימל הוילע כמאַרע,
און אזוי איז אויך מיין האַרץ.

אומעט, טרויער מיך באַגלייטן
אין מיין לעצטן לעבנס־וועג.
כ'האָב אַמאָל געציילט די יאָרן —
איצטער צייל איך שוין די טעג.

איך זוך די טעג

איך גיי אַרום און זוך די טעג
וואָס איך האָב פאַרלוירן.
איך פרעג דעם ווינט צי ווייסט ער ניט
וואָס ס'איז פון זיי געוואָרן.

זאָגט דער ווינט ער'ט ניט געהערט
פון טעג וואָס איז פאַרלוירן,
און ווייסט אויך ניט פון קיין טעג
וואָס זיינען ווען געבוירן.

גיי איך ווייטער און איך טרעף
אַ בין־שטאָק פול מיט בינען,
און איך פרעג צי קענען זיי
מיינע טעג געפינען.

און פון בין־שטאָק קומט ארויס
אַן אַלט־געוואָרן בין,
און ער גיט צו מיר אַ זאָג :
דיין זוכן האָט קיין זין.

און גייענדיק באַגעגן איך
אַ שטערן אויפן וועג.
האָסטו אפשר, פרעג איך אים,
באַגעגנט מיינע טעג ?

און דער שטערן ענטפערט מיר :
ס'איז אַלץ אַן אויגן־בליק.
טעג וואָס זיינען שוין פאַרביי
קומען ניט צוריק...

אַ משא אַ שווערע

כ'האָב אַ לעבן געטראָגן
אַ משא אַ שווערע,
ווי אַ בעטלער וואָס טראָגט
דעם זאַק אויפן רוקן.

געקליבן, געקליבן
ברעקל פאַר ברעקל,
דאָך קיינמאָל געפּרוווט
פאַר קיינעם זיך בוקן.

איז געקומען די צייט
מיט ציינער גאָר שאַרפע
און שטיל ווי אַ מויז
מיין זאַק האָט צעריסן.

פון אַלץ וואָס געקליבן
איז גאָר נישט פאַרבליבן,
ווי גאָרנישט עס בלייבט
פון אַ חלום אַ זיסן.

מיין האַרץ איז ניט קיין שפּיגל

מיין האַרץ איז ניט קיין שפּיגל
וווּ יעדער אַריינקוקן קען,
מיט זילבערנע שטראַלן פאַרהאַנגען
וווּ איך אַליין קען נאָר זען.

מיין האַרץ איז ניט קיין געוועב
געשפּונען פון אַטלאַס און זייד.
צייטנווייז הענגט דאָרט אַ טרויער,
צייטנווייז פול איז מיט לייד.

מיין האַרץ איז אַ פידל אַ צאַרטע,
די סטרונעס פול מיט געפיל.
אַט שפּילן זיי הייכע אַקאָרדן,
אַט ווערן זיי האַרציק און שטיל.

דער טאָג איז אַוועק

דער טאָג איז אַוועק
די זון איז פאַרגאַנגען,
פאַרגאַנגען צוזאַמען
מיט מיינע פאַרלאַנגען.

דער טאָג איז אַוועק
די נאַכט איז געקומען,
מיין איינציקע ליכט
די נאַכט האָט פאַרשוומען.

וואָלקנס אויף וואָלקנס
דעם הימל פאַרשטעלן,
עס ווייזן זיך שטערן
ווי טונקעלע קרעלן.

עס ווייס ניט דאָס יאָר
פון יאָר וואָס פאַרגאַנגען,
ווי עס ווייס ניט דער מאָרגן
פון נעכטנס געזאַנגען.

עס דרייט זיך דאָס לעבן
ווי אַ ראָד אין אַ מיל,
דער נעכטן, דער היינט —
אַ נאַקעטער שפּיל.

שטילער מיין פויגל

שטילער מיין פויגל
זינג ניט קיין לידער
ווען שטורעמס אין דרויסן
זיך מערן,
זיי וועלן די לידער
אין מדבר פאַרטרייבן
און עס וועט זיי
קיינער ניט הערן.

שטילער מיין פויגל
ניט זינג איצט קיין לידער
באַהאַלט זיי לעבן מיין טיר.
ווען איכ׳ל שוין רוען
אַ שטילער אין קבר
קומען דאַן זאָלסטו
דאָרטן צו פליען
און זינגען די לידער פאַר מיר.

זאָג מיר דו ווינט...

זאָג מיר דו ווינט
וווּ לויפסטו געשווינד,
ווער יאָגט דיר אזוי מיט אַמאָל ?

„עס יאָגט מיך דער שטורעם
פון טורעם צו טורעם,
איך לויף זיך באַהאַלטן אין טאָל״.

זאָג מיר, דו שטורעם
צי האָסטו יסורים
ווען צאָרן איז אזוי גרויס.
דו טרייבסט דאָך די ימען
ארויס פון די ברעגן,
פאַרווייעסט מיט זאַמדן
די וועגן און שטעגן
און ביימער — דו וואָרצלסט זיי אויס.

עס ענטפערט דער שטורעם :
„פרעג ניט אַ מענטש
און זוך ניט קיין מיין,
די סודות פון שטורעם
וועסט קיינמאָל דערגיין...

אַ שטערן געפאַלן

אַ שטערן געפאַלן
איז לעבן מיין טיר,
נעם איך דעם שטערן
אויף אַ שפּאַציר.

גייען מיר ביידע
אין טונקעלער נאַכט,
גייען און גייען
ביידע פאַרטראַכט.

בעט איך דעם שטערן
(איידער עס העלט),
דערצייל מיר וואָס טוט זיך
אויף יענער זייט וועלט,

זיינען אַלע נשמות
ריין ווי אַ קינד,
צי פאַראַנען נשמות
ווי מענטשן אין זינד?

שמייכלט דער שטערן
(דער הימל ווערט גראָ),
— דער שטערן פאַרגאַנגען
קיין ענטפער ניטאָ...

ביים ברעג ים

איך שטיי ביים ברעג ים און טראַכט
און קען עס ניט פאַרשטיין,
וועלכער קראַפט אים האַלט צוריק
צו קענען ווייטער גיין.

כוואַליעס ברויזן פול מיט צאָרן
טאָג אזוי ווי נאַכט.
ווי זיי קומען נאָר צום ברעג
פאַרשווינדט דאַן זייער מאַכט.

שווענקט דער ים דאָס זאַמד פון ברעג
מיט ים־וואַסער דעם קלאָרן
און אַלע זאַמדן פילן זיך
אזוי ווי ניי געבאָרן.

מיין יוגנט

ווו זיינען די שעהן
מינוטן און רגעס
ווו איך האָב
מיין יוגנט פאַרבראַכט.
די זון האָט געהאַלטן
שיטן מיט שטראַלן
און איך האָב האַרציק געלאַכט.

איך נעם מיין געליבטע
און גייען שפּאַצירן
מיר שווערן צו בלייבן געטריי.
מאָלן זיך בילדער
פון גאָלדענע מאָרגנס,
ווו ס׳לעבן וועט אייביק זיין ניי.

אַוועק איז די יוגנט
ניטאָ די געליבטע,
ס׳איז אַלץ אַ ביטערער שפּאַס.
עס ברענגט דער מענטש
אליין זיך אַ קרבן,
און אַלץ וואָס עס בלייבט
איז אַ הייפעלע אַש...

שטימונגען

וואַנדער איך אַרום אַ מידער
וואַנדער אום און ווייס ניט ווו.
זע איך פּלוצעם פון דער ווייטן
ווי עס קומט צו מיר אַ קו.

הויב איך אָן ביי איר זיך בעטן:
איך בין דורשטיק און אויך מיד,
לאָז דיין מילך מיין דורשט נאָר לעשן
און איכ׳ל זינגען דיר אַ ליד.

עפנט זי די גרויסע אויגן
און זי שאָקלט מיטן קאָפּ,
און פון אייטער נעמען טריפן
גרויסע טראָפּנס מילך אַראָפּ.

נעם איך טרינקען ווי אַ שיכור,
טרינק און טרינק גאָר אָן אַ סוף,
און די אויגן ווערן שווערער
און עס כאַפּט מיר אָן אַ שלאָף.

און אין חלום טו איך פלעכטן
פאַר דער קו אַ בלומען־קראַנץ,
און זי נעמט מיר פעסט אַרומעט
און מיר גייען שוין אַ טאַנץ.

כאַפּ זיך אויף פון שלאָף אַ מידער,
ס׳איז פאַרשוווּנדן שוין די קו.
וואַנדער איך ארום און וואַנדער,
וואַנדער אום און ווייס ניט ווו.

לאַנג איז דער וועג

לאַנג איז דער וועג
דעם ציל צו דערגרייכן,
אין טאָלן, אין טיפע
צי אויף באַרגיקע הויכן.

און האָסטו דערגרייכט
מיט קראַפט פון דיין מוח,
פאַרשווינדן עס וועט
אזוי ווי אַ רויך.

טאָ זוך ניט דעם וועג
צו באַרגיקע הויכן,
דאָס גליק ליגט אין זוכן
און ניט אין דערגרייכן.

עס פאַלן די בלעטער פון לעבן

עס פאַלן די בלעטער פון לעבן
ווי שוואַלבן פאַרפראָרן פון קעלט,
קלייב איך צוזאַמען די בלעטער
זיי זאָלן ניט ווערן פאַרגעלט.

איטלעכער בלאַט איז אַן עדות
פון טעג וואָס זיינען פאַרגאַנגען.
די יוגנט מיט ליבשאַפט געטראָגן,
די עלטער ליגט ווי געפאַנגען.

קומען פאַרגעסענע רגעס
און ברענגען זכרונות אָן צאָל.
זוך איך אין זיי צו געפינען
דעם ליכטיקן שטראַל פון אַמאָל.

האָב איך דעם שטראַל שוין געפונען,
הייב איך דאַן ערשט צו קלערן,
וואָס טויגן מיר אַלע זכרונות,
אז יינגער וועל איך שוין ניט ווערן...

איך קאָן קיין פריילעכע לידער ניט זינגען

איך קאָן קיין פריילעכע
לידער ניט זינגען,
ווען ס'איז מיין האַרץ ניט דערביי,
בלויז ווען מיין ליד
מיט טרויער איז פול
בין איך אליין זיך געטריי.

איך קאָן קיין פריילעכע
לידער ניט זינגען,
ווען אַ שאָטן ליגט ביי מיין טיר.
איך פּרווו זיך פאַרוויגן
אין זיסע חלומות,
וויגט זיך דער שאָטן מיט מיר.

אזוי איז געווען
אזוי איז היינט

ציילט איינער די טעג
אַ צווייטער די יאָרן,
זוכט איינער די וועגן
וואָס ער האָט פאַרלאָרן.

זעט איינער אין הימל
שטערן באַקרוינטע,
שיינט פאַר אַ צווייטן
ווי אויגן פאַרוויינטע.

וואָס לויב איז פאַר איינעם —
פאַרן צווייטן איז שפּאָט,
גלויבט איינער אין טייוול
אַ צווייטער אין גאָט.

וואָס בלאָ איז פאַר איינעם —
פאַרן צווייטן איז רויט,
זינגט איינער פון לעבן —
אַ צווייטער פון טויט.

שטילער, שטילער

שטילער, שטילער,
שטילער, שטיל.
ניטאָ קיין סוף,
ניטאָ קיין ציל.
אַלצדינג דרייט זיך
ווי אַ ראָד
אין דעם לעבנס
קאַראַהאָד.

שטילער, שטילער,
שטילער, שטיל.
ס'איז דאָס לעבן
בלויז אַ שפּיל.
זעסט פון ווייט
אַ זילבער־וואַז,
לאָזט זיך אויס —
ס'איז אַ מיראַזש.

צום טויט פון אַ בלום

(עלעגיע)

דאָ רוט אַ בלום,
אַ צאַרטע בלום,
און איר נשמה פליט ארום
און זוכט די בלום.

ניט זוך, ניט זוך
נשמה מיין,
ס'איז דאָס לעבן
מער ניט דיין.
טיף אין קבר
קאַלט און שטום
ליגט און רוט
די שיינע בלום.

חלומות...

חלומות קומען און פאַרגייען
פרישע קומען פון דאָס ניי.
מאַנכע ווערן באַלד פאַרלאָרן,
מאַנכע בלייבן דיר געטריי.

איך האָב אַ מאָל געהאַט אַ פויגל
אַן אויסגעטראַכטע אין אַ טרוים,
האָט די פויגל מיך געטראָגן
ווייט אַוועק אין טיפן רוים.

און איך האָב פאַרטרויט די פויגל
אז איך שטרעב זיך צו דערהויבן,
און מיר העלפן צו געפינען
ערגעץ ווו אַ נייעם גלויבן.

זיינען מיר אזוי געפלויגן
יאָרן גאַנצע נאָכאַנאַנד,
אַ נייעם גלויבן צו געפינען
אין אַן אויסגעטרוימטן לאַנד.

און ווען דאָס פויגל איז פאַרשוווּנדן
האָב איך צו זיך אליין גערעדט :
זוכן איצט אַ נייעם גלויבן
איז פאַר מיר אַ ביסל שפּעט...

מיין צימער איז טונקל

מיין צימער איז טונקל
מיין צימער איז שטיל.
עס רוט שוין דער פויגל,
עס שווייגט שוין די גריל.

עס שלאָפן די ווינטן
שטיל און באַזאַכט,
עס שטייען דיביימער
די אויגן פאַרמאַכט.

די זון שוין אַ מידע
פון לייכטן אָן סוף,
ליגט זי אין הימל
פאַרוויקלט אין שלאָף.

ס׳רוט אויך דער באַרג,
ס׳רוט אויך דער שטיין,
דער איינער, וואָס רוט ניט —
דאָס בין איך אליין.

איך קוק אויף די שטערן

איך קוק אויף די שטערן
און הויב אָן צו קלערן
ווי נאַריש אַ שטערן קען זיין.
זיי גייען און גייען
אין רייען נאָך רייען
און נעמען זיך שרעקן
ווען עס באַווייזט זיך די שיין.

זיי פינקלען ביינאַכט
פון לבנה באַוואַכט
און קוקן אַראָפּ אויף דער ערד.
זיי זעען נאָר פליגן
וואָס פליען און ליגן
און טראָגן אויך זילבערנע בערד.

איר נאַרישע שטערן
וואָס וועט פון אייך ווערן
פון זיצן אין הימל אליין.
קומט בעסער ארונטער
פריילעך און מונטער
מיר וועלן אייך אָנטאָן
אַ גאָלדענע קרוין.

קורץ איז מיין אָטעם...

קורץ איז מיין אָטעם
קורץ איז מיין ליד,
דאָס זיינען נאָר פונקען
וואָס קומען פון שמיד...

זוך איך די ווערטער
וואָס האָבן אַ זין,
ווי מענטשן עס זוכן
דאָס האָניק פון בין.

וואַרט איך און וואַרט
ביז זיי הייבן אָן קומען,
מאַנכע מיט דערנער,
מאַנכע מיט בלומען.

הויב איך אָן קלייבן
די בלומען פון דערנער,
בלייבן נאָר איבער
עטלעכע קערנער.

און אָט פון די קערנער
שאַף איך מיין ליד,
וואָס זיינען נאָר פונקען
וואָס קומען פון שמיד.

איך גיי אין וואַלד

איך גיי אין וואַלד און צייל די ביימער,
צייל און צייל און ווער ניט מיד,
הער איך ווי די ביימער זינגען
יעדער בוים אַן אַנדער ליד.

שטייט אַ יונגער בוים, אַ שטאַרקער,
אָנגעפּילט מיט פרייד זיין ברוסט,
זינגט פון יוגנט און פון לעבן,
זינגט פון ליבע און פון לוסט.

און דערביי אַ בוים אַן אַלטער
מיט אַ קאָפּ פול גראָע האָר,
צווייגן הענגען לאַנג פאַרדאַרטע,
קיינער ווייס ניט וויפל יאָר.

זינגט דער בוים אַ ליד פון טרויער
מיט די אויגן האַלב פאַרמאַכט,
ס'איז די זון שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
וואַרט ער איצטער אויף דער נאַכט.

קומען קלאַנגען זיך צוזאַמען
און זיי ווערן ענג פאַרבונדן.
און פון וואַלד זיך טראָגן עכאָס
און זיי ווערן באַלד פאַרשוווּנדן...

אין חלום

און אַט איך פיל איך בין שוין טויט
און ס'האָבן פריינד מיך שוין באַגלייט
צו דער אייביקער רו.
וואו מען ליגט אין טיפן שלאָף,
אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף.

אויפן קבר אַ מצבה שטייט
פון שיינעם מאַרמאָר הויך און ברייט,
אויסגעקריצט מיט לויב־געזאַנגען,
וואָס טראָגן פון זיך טויטע קלאַנגען.

און אַט פון קבר קאַלט און שטום
איך פלי אין הימל שוין אַרום.
איך פלי און פלי און פרעג באַשיידן:
וואו געפינט זיך דער גן־עדן?

פלוצלונג הער איך מיט אַ מאָל
פון דער ווייט אַ שטאַרקן קול:
ס'איז דער הימל פוסט און וויסט
און ס'איז דיין זוכן גאָר אומזיסט.

איך כאַפּ זיך אויף מיט שרעק פון חלום
און זע אז אלץ איז הבל הבלים...

אילוזיע

מאָדנע איז
דער האָריזאָנט —
ניט עס פרעגט
און ניט עס מאָנט.

ניט עס גייט
און ניט עס שטייט,
ניט עס לעבט
און ניט ס'איז טויט.

מאָדנע איז
דער האָריזאָנט,
וואָס דו זעסט
איז בלויז דער פראָנט.

ניט עס ווײַנט
און ניט עס לאַכט,
ניט עס רעדט
און ניט עס טראַכט...
— — — — —
מאָדנע איז
דער האָריזאָנט...

אין שפּיגל

איך שטיי קעגן שפּיגל,
נעם ריידן צו זיך,
איך זע, אַז אין שפּיגל
רעדט איינער ווי איך.

מאַך איך גרימאַסן,
טוט ער מיר נאָך.
שטעכט מיר אַ שפּיז,
פּילט ער דעם שטאָך.

קוק איך אים טיף
אין די אויגן אַריין,
זע איך די זעלבע
אויגן ווי מיין.

גיב איך אַ שמייכל
שמייכלט ער מיט.
הייב איך אָן גיין,
ציילט ער די טריט.

טראַכט איך און טראַכט
און זוך צו פאַרשטיין,
צי איז דאָס אַ פרעמדער,
צי כ׳בין דאָס אליין.

פאַרמאַך איך די אויגן
און רייד ווידער צו זיך,
דער מענטש אינעם שפּיגל
איז מיין צווייטער איך.

וואָס לענגער דער וועג

וואָס לענגער דער וועג
אַלץ קירצער די צייט.
וואָס קירצער דער וועג,
אַלץ לענגער די צייט.

איך צייל ניט די טריט
פון מיין אייגענעם גאַנג,
ווי ס'ציילט ניט דער פישער
די פיש פון זיין פאַנג.

געדאַנקען זיך טראָגן
ווייטער פון ווייט,
ווו ניטאָ איז קיין לעבן,
ניטאָ איז קיין צייט.

זכרונות

איך עפן דעם פֿאַרהאַנג
פֿון מיין אונטער־באוווסטזיין
און עס הויבן אָן קומען
זכרונות אָן צאָל,
זאַכן וואָס איך האָב
לאַנג שוין פֿאַרגעסן
נעמען זיך ווייזן
ווידער אַמאָל.

זכרונות גוטע
זיינען צופֿיל ניטאָ,
פּונקט ווי דער הימל
איז ניט אייביק בלאָ.

זכרונות שלעכטע
זיך ציען און ציען,
ווי שוואַרצע ראָבן
זיי קומען צופֿליען.

פֿאַרצי איך דעם פֿאַרהאַנג
פֿון אונטער־באוווסטזיין
און נעם די זכרונות צוזאַמען.
זכרונות די גוטע
האַלט איך ביי זיך,
די שלעכטע — טיף אין די ימען.

קברים־בלומען

בלומען, בלומען, קברים בלומען,
אָנגעגאָסן מיט פּאַרפיומען.
די קאָלירן בלוטיק רויט
און עס שמעקט פון זיי מיט טויט.

קיין געליבטער וועט ניט קומען
דאָרט צו קלייבן וועלכע בלומען
און צו פלעכטן אַ בוקעט
און עס ברענגען צו איר בעט.

וואַקסן בלומען אומגעהויער
אויף די קברים פול מיט טרויער.
איך לייג דעם אויער צו און הער
ווי ס׳פליסט פון יעדער בלום אַ טרער...

איך ווייס אז מיין טראַכטן

איך ווייס אז מיין טראַכטן
וועט גאָרניט מיר ברענגען.
ווען מיינע פאַרלאַנגען
אויף ווינטן עס הענגען.

איך ווייס — פון מיין טראַכטן
וועט בלייבן קיין צייכן,
און וועל שוין ניט קענען
מיינע צילן דערגרייכן.

איך ווייס — פון מיין טראַכטן
גאָרניט וועט ווערן,
ווי גאָרניט עס ווערן
פאַרלאָשענע שטערן.

און אפשר איז טראַכטן
ניט מער ווי אַ שטריך,
דער מענטש זאָל קענען
פאַרגעסן אָן זיך.

פאַנטאַזיע

ווען איך וואָלט געקענט
מיט די אייגענע הענט,
דאַן וואָלט איך די ערד
געגעבן אַ גט
און געבראַכט פון הימל
אַן אַנדער פּלאַנעט.

אַן אַנדער פּלאַנעט
אַ וועלט גאָר אַ נייע,
וווּ מענטשן זיך פילן
ווי פייגעלעך פרייע.

אַ וועלט ווו מ׳ווייס ניט
פון בלוט און פון טרערן,
ווו עס פינקלט דאָס לעבן
ווי אין הימל די שטערן.

אַ וועלט ווו ניטאָ איז
קיין בייזע פאַרלאַנגען,
ווו וואָלקנס עס זײַנען
מיט זונען פאַרהאַנגען.

בלומען־פאַרקויפער

קויף אַ בלום,
קויף אַ בלום,
ניט וואַרט ביז די בלום
ווערן זאָל שטום.

קויף אַ בלום
ניט וואַרט ביז מאָרגן,
די בלום וועט פאַרטרייבן
דיין אומעט און זאָרגן.

קויף אַ בלום
ווען זון איז נאָך רויט,
דאָס לעבן פון בלום
איז קורץ און פאַרגייט.

וויג־ליד

שלאָף־זשע קינד מיינס און ניט שרעק זיך
ווען אַ שטורעם רוישט ביים טיר,
ביי דיין וויגל זיצט דיין מאַמע
און וואַכט מיט ליבשאַפט איבער דיר.

אינעם הימל פליט דיין טאַטע
צו אַ נייע, נייע וועלט,
ברענגען וועט ער דיר מתנות
פון דעם הימלישן געצעלט:

יונגע שטערן ערשט געבאָרן
און פון זונען אויסגעקושט,
וועסט מיט זיי זיך קענען שפּילן
וויפל נאָר דיין האַרץ געלוסט.

און אויב גרייכן וועט דיין טאַטע
די לבנה מיט איר פּראַכט,
גאָלדן פּערל וועט ער ברענגען
וועלכע שיינען אין דער נאַכט.

און איך הער שוין ווי אַ פויגל
מיטן שנאָבל קלאַפּט אין טיר,
דאָס קומט דיין טאַטע שוין צופליען
און ברענגט מתנות נאָר פאַר דיר.

פאַרשלעפער מיך פויגל

פאַרשלעפער מיך פויגל
מיט זיסע געזאַנגען,
איך זאָל ניט פילן
ווי די זון איז פאַרגאַנגען.

זינג מיר, איך בעט דיך,
פון גראָזן און בלומען,
פון זיסע חלומות
וואָס האַלטן אין קומען.

זינג מיר פון פעלדער
וואָס פול איז מיט זאַנגען,
זינג מיר פון הימלען
וואָס פול איז מיט קלאַנגען.

זינג מיר פון שטערן
וואָס קומען און גייען,
זינג מיר אויך לידער
פון מענטשלעכע ווייען.

פאַרשלעפּער מיך פויגל
מיט ליבע אַצינד,
ווי עס פאַרשלעפּערט
אַ מאַמע איר קינד.

און אויפוואַכן וועל איך
ווי אַ קינד אָן זאָרגן,
און נעמען זיך גרייטן
אויף אַ נייעם פרימאָרגן.

איך גיי אין דער נאַכט

איך גיי אין דער נאַכט
און צייל מיר די שטערן,
און וואָס מער איך צייל
אַלץ מערער זיי ווערן.

בעט איך דעם אָדלער
ער זאָל זיך באַמיען
מיר לייען די פליגל
אין הימל צו פליען.

כאַפּ איך אַ שטערן
וואָס ערשט איז געבוירן,
פלי איך צוריק, —
און דעם שטערן פאַרלוירן.

זוך איך דעם שטערן
וואָס איך האָב פאַרלאָרן,
און געפין — דער שטערן
איז אַ בלימל געוואָרן.

איך ריר אָן דאָס בלימל
מיין האַנט גיט אַ ציטער,
אזוי ווי אַ בליץ
אין אַ שטאַרקן געוויטער.

פלוצלונג דאָס בלימל
איז אַ שטערן געוואָרן
און צוריק פליט אין הימל,
ווו ער איז געבאָרן.

זאָג מיר, אָ, פריינד

זאָג מיר, אָ, פריינד
וואָס ווערט פונעם „היינט"
וואָס לאַנגזאַם אין אָוונט פאַרגייט,
צי ווערט מען געבאָרן
צו ווערן פאַרלאָרן
פאַרשלונגען צו ווערן פון טויט ?

ער בויגט אַראָפּ
מיט טרויער זיין קאָפּ
זיין קול ווערט ציטערדיק, שלאַף :
ס'איז ניט מיין פריינד
בלויז נאָר דער „היינט",
עס איז דער גורל פון יעדער באַשאַף.

כוואַליעס אין ים

כוואַליעס אין ים
זיך הייבן און פאַלן,
זונען אין הימל
וואָס שיטן מיט שטראַלן.

חיות אין וואַלד
וואָס האַלטן אין ברומען,
בינען וואָס פליען
און האַלטן אין זשומען.

פויגלען אין דרויסן
וואָס האַלטן אין שוועבן,
שפינען אויף ווענט
וואָס האַלטן אין וועבן.

שטורעמס און ווינטן
וואָס האַלטן אין בלאָזן,
בלומען אין גאָרטן,
אין פעלדער די גראָזן.

ניטאָ אין נאַטור
קיין איינציקע זאַך,
וואָס זאָל ניט פאַרמעגן
קיין אייגענע שפּראַך.

איך זוך אין די רוימען

איך זוך אין די רוימען
פאַרלאָרענע טרוימען:
טרוימען פון יוגנט,
טרוימען פון ליבע,
טרוימען גאָר זיסע,
טרוימען אויך טריבע.

איך האָב זיי געהאַלטן
טיף אין זכרון,
און ווי אין אַ צויבער
זיי אַלע פאַרלאָרן.

וואָגלען אין רוימען
ארום מיינע טרוימען
אַזוי ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף,
ווער אפשר אַ שטערן
פון ווייטן דערהערן
און זיי ברענגען צוריק אין מיין שלאָף.

פויגל, מיין פויגל

פויגל, מיין פויגל
ווו איז דיין נעסט ?
איך וויל צו דיר קומען —
קומען אין געסט.

איך ווייס אז דיין לעבן
איז איינזאַם ווי מיין.
די זון האָט פֿאַרגעסן
צו שיקן איר שיין.

אויך די לבנה
פֿאַרשטעלט איר געזיכט,
ווי זי וואָלט זיך געשעמט
צו ווייזן איר ליכט.

טאָ לאָמיר, מיין פויגל,
חברים גאָר ווערן
און זוכן אַ היים
צווישן די שטערן.

אין מײַן גאָרטן

אין מײַן גאָרטן וואַקסט אַ רויז
פול מיט דערנער ארום איר,
נעמען בלוטן מײַנע פינגער
ווי איך גיב זי נאָר אַ ריר.

נעם איך רײַסן אָט די דערנער
האַלט די שײנע רויז מיך אָפּ,
פול מיט שמײכל איז איר פּנים
און זי רעדט צו מיר אַראָפּ:

רײַס ניט מענטש ארויס די דערנער
וועלכע רינגלען מיך אַרום,
אויך צווישן ווילדע גראָזן
בליען קען אַ שײנע בלום.

גוט מאָרגן דיר זון

גוט מאָרגן
דיר זון
גוט מאָרגן,
מיר שיינט
דו האָסט
אין הימל געלאָזט
דיינע זאָרגן.

וואַרפסט דיינע שטראַלן
אויף בערג און אין טאָלן,
פירסט ניט קיין חשבון
און ווייסט ניט פון צאָלן.

טאָ שענק מיר אַ שטראַל
וואָס פול איז מיט לעבן,
כ׳זאָל קענען דעם שטראַל
אין אַ ליד עס פאַרוועבן.

לאָז מיך ניט וואַרטן
ביז דער הימל ווערט גראָ,
ווען טאָג זיך געזעגנט
מיט לעצטער האַלב שעה.

קליינע, קליינע, בלימעלעך

קליינע, קליינע, בלימעלעך
איר זייט דאָך אזוי שיין,
אזוי ווי ווייסע שוועמעלעך
זייט איר צאַרט און ריין.

קליינע, קליינע, בלימעלעך
איך זע אייך אומעטום.
אָנגעפילט די בלעטעלעך
מיט לויטערע פּאַרפיום.

קליינע, שיינע, בלימעלעך
מיין האַרץ איז פול מיט שרעק,
טאָמער קומט אַ שטורעם אָן
און בלאָזט אייך גאָר אַוועק.

זאַמל און זאַמל

זאַמל און זאַמל
פון יוגנט די פרייד,
לייג זיי אריין
אין אַ גאָלדענעם שייד.

און קומט איבער דיר
אַ וואָלקן, אַ שטורעם,
די פרייד פון לעבן
וועט זיין דיין טורעם.

די קערנער פון ליבע
וואָס דו האָסט פאַרזייט,
היט זיי, זיי זאָלן ניט
ווערן צעשפרייט.

קלייב די זאַנגען
וואָס זיינען נאָך יונג,
ניט וואַרט ביז נאַכט
זאָל געבן איר קלונג.

ג ל י ק

מיט גליק, מיין פריינד,
בינסט קיינמאָל ניט זיכער,
אָט גייט עס לאַנגזאַם,
אָט פליט ווי אַ וויכער.

אָט שמייכלט דאָס גליק
פון ווייטן צו דיר,
און גייסטו אַנטקעגן,
אַנטלויפט עס פון דיר.

אָט גיט דיר דאָס גליק
זיסע פאַרלאַנגען,
אַ בליק מיטן אויג
און אַלץ איז פאַרגאַנגען.

אָפט קומט דאָס גליק
שטיל, אָן גערויש,
ווען די פונקען פון לעבן
שוין לעשן זיך אויס.

אין צימער איז פינצטער

אין צימער איז פינצטער,
אין צימער איז שטיל,
איך הער ווי אַ מייזל
גריזשעט דעם דיל.

צינד איך אַ ליכט אָן
איז דאָס מייזל ניטאָ.
פאַרלעש איך דאָס ליכט
איז עס ווידער שוין דאָ.

שפרינג איך געשווינד
אַראָפּ פונעם בעט,
כאַפּ אָן דאָס מייזל
און גיב עס אַ גלעט.

מייזל, צו וואָס איז
דיין גריזשע און קראַץ?
צי שרעקסטו זיך ניט
ס'זאָל דערהערן די קאַץ?

ענטפּערט דאָס מייזל
אויף מייזלשער שפּראַך,
עס ווייסט אז ס׳איז קליין,
און ווייסט אז ס׳איז שוואַך,

נאָר קיינער דעם מייזל
וועט עסן ניט געבן,
איינשטעלן מוז זי
דאָס פּיצעלע לעבן.

טרערן פאַלן...

דער הימל רעגנט היינט מיט שטערן
אַנגעפילט מיט הייסע טרערן.
און די טרערן פאַלן, פאַלן,
אין באַגלייט פון מחנות שטראַלן.

וואַרט איך לענגער שוין ניט מער
און גיב אַ פרעג אַ הייסן טרער
וואָס עס טוט זיך אויפן הימל,
צי עס וואַקסט ניט דאָרט קיין שימל.

און וואָס טוען אַלטע געטער
אין אַ טריבן קאַלטן וועטער,
צי זיי זיצן דאָרט מיט וועמען
ביי דעם פייער פון גיהנום.

און וואָס טוען די מלאכים
וועלכע שטייען אויף דער וואַך,
צי עס ווערט זיי גאָר ניט מיאוס
אַלץ צו טאָן די זעלבע זאַך.

און צי שפּילט נאָך אין גיהנום
אַלץ די זעלביקע טראַגעדיע,
ווי עס מאָלט דער גרויסער דאַנטע
אין זיין „געטלעכע קאָמעדיע“.

און צי שטייען נאָך די וועכטער
ביי דעם טויער פון גן־עדן,
ווו נשמות איז פֿאַרבאָטן
ניט צו שווייגן, ניט צו ריידן...

איך בעט דיך, טרער, מיך אויפצוקלערן
ווי אין הימל קומען טרערן!

עס קוקט מיך אָן די טרער און זאָגט:
טרערן קען מען ניט פֿאַרמיידן.
ס'איז ניט פֿאַר דעם מענטשן נאָר —
אויך אין הימל איז דאָ ליידן...

מיין אָרעמע מוזע

מיין אָרעמע מוזע
שטיל איז געקומען
און האָט מיר געבראַכט
פאַרוויאַנעטע בלומען.

טראָג איך די בלומען
אַוועק צו אַ קוואַל,
נעם זיי באַשפּריצן
מיט הילף פון אַ שטראַל.

זיינען די בלומען
פאַרוויאַנעט געבליבן,
מיין אָרעמע מוזע
האָט דער ווינט פאַרטריבן.

עס הענגט אַ וואָלקן

עס הענגט אַ וואָלקן
איבער מיין קאָפּ,
פאַרשטעלט מיר די שיין
און לאָזט מיר ניט אָפּ.

בעט איך די שטערן
זיי זאָלן פאַריאָגן
דעם שוואַרצן וואָלקן
און נעמען זאָל טאָגן.

בלייבן די שטערן
שטיין אויף אַן אָרט,
קוקן מיך אָן
און ריידן קיין וואָרט.

בעט איך די ווינטן
דעם וואָלקן פאַרטרייבן
עס זאָל פונעם וואָלקן
קיין זכר ניט בלייבן.

הייסן די ווינטן
מיך בעטן די בליצן,
זיי קענען דעם וואָלקן
מיט פייער באַשפריצן.

שווייגן די בליצן
אַזוי ווי די שטערן,
זיץ איך און וואַרט
ביז ליכטיק זאָל ווערן.

נירוואַנאַ

צײַטנווײַז פּיל איך
אַנטלויפֿן פֿון זיך,
אויסטאָן די קלײדער,
אויסטאָן די שיך.

ערגעץ פֿאַרשווינדן
וווּ ניטאָ איז קײן לעבן,
ניטאָ איז קײן ווילן,
ניטאָ איז קײן שטרעבן.

און אויפֿלײזן וויל איך
ווי פֿאַרלאָשענע שטערן,
פֿאַרגײן אין נירוואַנאַ
— אינגאַנצן ניט ווערן.

צו אַ פריינד

פרעגסט פאַרוואָס
ס׳איז מיט אומעט מיין ליד ?
זיי וויסן מיין פריינד
כ׳בין פון לעבן שוין מיד.

כ׳האָב די לידער געשאַפן
טיף אין דער עלטער,
ווען די זון צו מיר
געוואָרן איז קעלטער.

דער פויגל ביים פענצטער
וואָס געזונגען האָט שיין,
אַוועק איז געפלויגן
און מיר געלאָזן אליין.

און זאָלן די לידער
ניט זיין דיר קיין שטער,
טאָמער געפינסטו
דאָרטן אַ טרער...

יוגנט...

וואָס איז די יוגנט
וואָס דיכטער באַזינגען
מיט צאַרטע מעלאָדיעס,
וואָס קלינגען און קלינגען.

איז אפשר די יוגנט
אַ טרוים אין אַ טרוים,
אַ בלאָז פון אַ ווינט,
אַן עכאָ אין רוים.

איז אפשר די יוגנט
דאָס פלי פון אַ שטראַל,
אָט גיט זיך אַ הייב —
אָט גיט עס אַ פאַל.

און אפשר איז יוגנט
דאָס רייץ פון אַ פרוי,
באַשפריצט מיט אַ ציטער
פון פריאיקן טוי.

און אפשר איז יוגנט
אזוי ווי די בלומען,
וואָס הייבן אָן וועלקן
באַלד ווי זיי קומען.

ווידער אַ ליד

אַ מתנה דעם דיכטער דוד פּראַם.

ווידער אַ ליד
און אָבער אַ ליד,
צי ווערט ניט דער לייענער
פון לידער שוין מיד ?

ווידער לבנה
און ווידער די שטערן,
ווידער דאָס לעבן
וואָס האַלט אין ניט ווערן.

ווידער די גלעקער
וואָס האַלטן אין קלינגען,
און פייגלען אויףביימער
וואָס האַלטן אין זינגען.

עס ענטפערט דער דיכטער
פול מיט באַדויער :
ער שרייבט לידער צו שטילן
דעם אייגענעם טרויער.

מײנע טרערן װאַקסן

מײנע טרערן װאַקסן
אויף פֿעלדער פֿאַרזײטע,
בליִען און בליִען
אויף פֿעלדער צעשפּרײטע.

װען די זון פֿאַרגײט
און ס'קומט די לבֿנה,
ברענג איך די טרערן
מײַן ליבסטע אַ מתּנה.

נעמען די טרערן
פּערל גאָר װערן,
טראָגט מײַן געליבטע
פּערל פֿון טרערן.

פלאַנץ ניט בלומען אין שטיינער

„פלאַנץ ניט בלומען אין שטיינער,
דיין מי איז אין גאַנצן אומזיסט.
ס'איז דאָך אזוי ווי דער רעגן,
וואָס טויטע ביימער באַגיסט...

„געפינסטו שוין ערגעץ אַ בלימל
וואָס וואַקסט דאָרט איינע אליין,
דערלאַנגסטו אַ ריר נאָר אַ בלעטל
פאַלט עס אזוי ווי אַ שטיין.

„און נעמסטו דאָס בלימל פאַרלאָזן
און גייסטו לינקס אָדער רעכטס,
דאַן הערסטו דאָס אָרעמע בלימל
באַגלייט דיר שטיל מיט אַ קרעכץ.

רעגנבויגן

רעגנבויגן,
רעגנבויגן,
כ׳קוק אויף דיר
מיט קלאָרע אויגן.

דײַנע פאַרבן —
זיבן זונען.
פול מיט שטראַלן
דורכגעשפונען.

דו באַווײַזט זיך
נאָך אַ רעגן,
ווען די זון קומט
דיר אַנטקעגן.

ביסט באַשאַפן
מיט קאָלירן,
בלויז דעם הימל
צו באַצירן.

און ווען צום סוף
איז דײַן שפּאַציר,
גרויס דער אומעט
ווערט אין מיר.

האָפענונגען מיינע

האָפענונגען גוטע מיינע
וואו האָט איר זיך באַהאַלטן.
ליגט איר אפשר אין די שנייען
פון דעם צפון־ווינט דעם קאַלטן.

ליגט איר אפשר אין די פאַלבן
פון אַ יונגן בלאַסן שטראַל.
אפשר ליגט איר גאָר באַהאַלטן
אין אַ טיפן וואַסער־פאַל.

ליגט איר אפשר אין די זאַמדן
אין די הייסע פון סאַהאַרע.
וואו עס בלאָזן הייסע ווינטן,
וואו עס וואַקסןביימער דאַרע.

ליגט איר אפשר אין די שפּאַלטן
פון אַן אַלט־פאַרלאָזטן בוים.
— — — — — — — —
אפשר איז דאָס גאַנצע האָפן
ניט מער ווי אַ שיינער טרוים...

עס פרעגט מיין געליבטע

כ׳וויל ברענגען
מײַן געליבטע
די לבנה, אַ מתנה,
איז די לבנה
אַ ביסל צו ווייט.

וויל איך איר גערן
ברענגען אַ שטערן,
קען זי ניט וואַרטן,
זי האָט ניט קיין צייט.

עס פרעגט מיין געליבטע
האַלב אַ באַטריבטע,
וויפל לבנהס
זיינען אין הימל פאַראַן.

אויב ניט קיין לבנה
פאַר איר אַ מתנה,
טאָ ברענג איר
אַ וואָלקן
כאָטש גרויס
ווי אַ שפּאַן.

קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד

קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד
וווּ פֿייגעלען זינגען נאָכאַנאַנד,
וווּ אָדלערס פֿליִען ווייט אַוועק
און ברענגען שטערן אויפֿן עק.

קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד
וווּ ביימער בליִען נאָכאַנאַנד,
וווּ טייכן גייען אָן אַ ציל
און זינגען לידער אין דער שטיל.

קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד
וווּ קינדער שמייכלען נאָכאַנאַנד,
וווּ עס שײַנט די זון און גלעט
און שטערן טאַנצן אַ באַלעט.

קום מיט מיר אין צויבער־לאַנד
וווּ בלומען האָבן אַ פֿאַרשטאַנד,
וווּ ס'איז דער הימל אייביק קלאָר
און מלאכים זינגען אין אַ כאָר.

סאַרקאַזם

...און ווען די נאַטור
איז פאַרטיק געוואָרן
פון שאַפן פלאַנעטן
אין הימל אין קלאָרן,

האָט זי געזוכט
ווער ס'זאָל איר באַזינגען.
מיד איז געוואָרן
פון גלעקער וואָס קלינגען.

האָט זי באַשאַפן
אַ נייעם פלאַנעט,
און באַלד איז געבאָרן
אַ מענטש — אַ פּאָעט.

זינגט דער פּאָעט
דאָס אייביקע ליד,
און עס ווערט די נאַטור
פון הערן שוין מיד.

אַן אַלטע מעשה

(פאַר קינדער)

ס'איז אַן אַלטע, אַלטע מעשה
פון אַ קעצעלע אַ ווייסע,
מיט אַ קליינע מייזעלע
ערגעץ אין אַ הייזעלע.

עס האָט אַ ווייסע קעצעלע
אַ מייזעלע דערטאַפּט,
מיט אירע שאַרפע נעגעלעך
האָט זי איר אָנגעכאַפּט.

איז דאָס קליינע מייזעלע
ארויס מיט אַ געוויין,
האָב רחמנות, קעצעלע,
און לאָז מיר גיין אַהיים.

מיין מאַמעלע די טייערע
וואַרט שוין לאַנג אויף מיר.
אייביק, אייביק, קעצעלע
געדענקען וועל איך דיר.

אויב דו זוכסט צו עסן וואָס,
שעם זיך ניט און קום,
אין אַ סלאָי מיט וואַסער דאָ
שווימען פישעלעך אַרום.

כאַפּן וועסטו קענען דאָרט
וויפיל דו וועסט וועלן.
גרעסערע און קלענערע,
וואָס דיר וועט געפעלן.

די קעצעלע געוואָרן מיד
פון שפרינגען אויפן טיש,
אריינגעפאַלן איז אין סלאָי
אין מיטן פון די פיש.

ווען די מייזל האָט דערזען
וואָס עס האָט געטראָפן,
האָט זי לענגער ניט געוואַרט
און האַסטיק איז אַנטלאָפן.

ניט מער ווי אַ חלום...

מיר האָט זיך געחלומט
אַ ווונדערלעך חלום:
דער לייב מיטן שעפּס
געמאַכט האָבן שלום.

דער פוקס, דער קלוגער
זוכט ליבעס צו פירן,
דער וואָלף מיטן טיגער
צוזאַמען שפּאַצירן.

די שוואַרצע וואראָנע
ווייס איז געוואָרן.
ניטאָ מער קיין שנאה,
ניטאָ מער קיין צאָרן.

אין וואַלד איז פריילעך
אויגן עס גלאַנצן.
פון שמחה, דער בער
האַלט אין איין טאַנצן.

מ׳נעמט זיך אַרום,
מ׳קלאַפּט מיט די הענט
די אייביקע שנאה
אין פייער שוין ברענט.

— — — — — — —

אַ חלום, אַ חלום,
ניט מער ווי אַ חלום,
פאַר חיות אין וואַלד
נאָך ווייט איז דער שלום.

אין גן־עדן

איך בין אַמאָל
געוועזן אין הימל.
(ניט פרעגט ווי אזוי
דאָס איז געשען)
איך האָב דאָרט געטראָפן
אַלטע באַקאַנטע,
וועמען איך האָב שוין
לאַנג ניט געזען.

איך האָב זיי געטראָפן
ביים טיר פון גן־עדן
און געהערט ווי זיי ריידן
שטיל און באַזאַכט:
דאָרט אין גיהנום
איז לעבעדיק, פריילעך
און דאָ אין גן־עדן —
פינצטער ווי נאַכט.

דאָרט אין גיהנום
שוויבלט און גריבלט,
איינער אריין
אַ צווייטער ארויס.

און דאָ אין גן־עדן
ווי אויף אַ בית־עולם,
מ׳הערט ניט קיין טומל
און מ׳הערט קיין גערויש.

עס הערשט אין גן־עדן
אַן אייביקע שטילקייט,
אַ שטילקייט אזא
ווי מיט פליגלען צעשפּרייט.
בלאָנדזשעסט ארום
אזוי ווי אַ פרעמדער,
און פילסט ווי אַן אומעט
ביים זייט דיר באַגלייט.

און מיינע באַקאַנטע
האַלטן אין ריידן:
ס׳איז דער גן־עדן
פאַר זיי ניט קיין אָרט.
זיי ווילן אַנטלויפן
ווייט צום גיהנום,
איז אין גיהנום
ניטאָ מער קיין אָרט...

כל הנחלים הולכים אל הים

אַלע טייכן גייען אין ים (קוהלת).

ציען זיך טייכן
יאָרן און טעג,
זיי דאַרפן קיין פירער
צו ווייזן דעם וועג.

ציען זיך טייכן
ווייט צו די ים'ען
און ווערן פאַרשווונדן
מיט כוואַליעס צוזאַמען.

טייכן, אָ, טייכן
ווער האַלט אייך אין יאָגן,
צי גייט איר אליין,
צי ווינטן אייך טראָגן ?

צי ווייסט איר ניט, טייכן,
פאָרויס אייער שטראָף,
ווען גיין צו די ים'ען
גייט מיט אייער סוף ?

שווייגן די טייכן
און האַלטן אין גיין,
ווי זיי וואָלטן געוווסט
זיי מוזן פאַרגיין.

געשיכטע, געשיכטע

געשיכטע, געשיכטע,
ווי ווילדער געדיכטע,
פון הערשער און שקלאַפן
און מענטשן ווי אַפן.

געשיכטע, געשיכטע,
מיט בלוטיקע קוואַלען,
פון מענטשן, וואָס זיינען
אין שלאַכטן געפאַלן.

געפאַלן אין שלאַכטן
(וואָס לאַנג שוין געשען)
עס פרעגט ניט דער מענטש
פאַרוואָס און פאַרוועו.

געשיכטע, געשיכטע
ווי ווילדער געדיכטע,
פאַרלאָרענע קריגער
און העלדישע זיגער.

געשיכטע, געשיכטע,
(ווי אָקסן געטריבן)
דעם מענטשנס געשיכטע
מיט בלוט איז געשריבן.

די זון איז פאַרגאַנגען

די זון איז פאַרגאַנגען
אין רויטלעכע פלאַמען,
פאַרגאַנגען דער טאָג
מיט איר איז צוזאַמען.

קומט די לבנה
ארויס פון איר נעסט
און ברענגט מיט זיך
שטערן ווי געסט.

גיט די לבנה
אַ ווונק נאָר צו זיי,
שטעלן די שטערן
זיך אויס אין אַ ריי.

לייכט די לבנה
מיט פולער פראַכט,
פינקלען די שטערן
טיף אין דער נאַכט.

קומט דער פרימאָרגן
און נאַכט זיך פאַרלעשט,
גייט די לבנה
צוריק אין איר נעסט.

צ יי ט, אָ, צ יי ט

צייט, אָ, צייט
ווער האָט דיר באַשאַפן,
געגעבן דעם כוח
דעם מענטשן פאַרשקלאַפן.

פאַרשלינגסט די נעכט
די טעג מיט די יאָרן,
ווי איינער וואָס הונגערט
און פול איז מיט צאָרן.

פולע זכרונות
טוסטו פאַרמעקן,
דאָס לעבן פון מענטשן
האַלטסטו אין שרעקן.

צייט, אָ, צייט,
מאַכסט וועלטן פאַרגעסן,
ווי מענטשן אין קברים
פון ווערעם צעפרעסן.

פירסט דעם מענטשן
אין גאָלדענע שיפן,
און ברענגסט אים צוריק
צו אַן אָפּגרונט אַ טיפן...

— — — — — —

צייט, אָ, צייט,
ווער האָט דיר באַשאַפן ?

צווישן טאָג און נאַכט

(בין השמשות)

צווישן טאָג און נאַכט
(מעג דער הימל זיין רויט)
ניטאָ איז קיין לעבן,
ניטאָ איז קיין טויט.

עס קלייבט די זון
פאַרבליבענע שטראַלן,
עס הערט זיך ניט מער
דאָס מורמלען פון קוואַלן.

דאָס פרייד פון טאָג
ווערט ווי פאַרלאָרן,
אַן אומעט אַ שטילע
ווערט פלוצלונג געבאָרן.

אַ בענקשאַפט אַ מאָדנע
נעמט מיך ארום,
ווי אַלץ אין נאַטור
געוואָרן וואָלט שטום.

צווישן טאָג און נאַכט
קורץ איז דער וועג,
דאָך ציען זיך רגעס
ווי גאַנצענע טעג.

דער גאָלדענער מאָרגן

אַ מתנה דעם פובליציסט זלמן לעווי.

ווייט נאָך ווייט
איז דער גאָלדענער מאָרגן.
עס האָט נאָך דער האָן
אויפן דאַך ניט געקרייט.

די בלומען אין גאָרטן
וואָס האַלטן אין בליען,
עס האָבן די ווינטן
מיט זאַמדן פאַרוויט.

ווייט נאָך ווייט
איז דער גאָלדערנער מאָרגן,
פאַר מענטשן וואָס האָבן
אויף דער ערד זיך באַוויזן.

שפּילט זיך די זון
און שיט אירע שטראַלן —
שטראַלן וואָס שטעכן
אזוי ווי מיט שפּיזן.

ווייט נאָך ווייט
איז דער גאָלדערנער מאָרגן,
צי קען דער מענטש
זען אזוי ווייט ?

ווערט אין האַרצן
אַ צווייפל געבאָרן :
צי וועט אַמאָל קומען
די גאָלדענע צייט ?

מה יתרון לאדם מכל עמלו?

(קהלת)

ניט פרעג מיך פריינד ווי אַלט איך בין
און ווען איך בין געבאָרן.
ס׳איז ווי די עלטער פון אַ בוים
ווען ס׳ווערט פון אים אַ דאָרן.

די זון פאַרגייט און קומט צוריק
ווי גאָרנישט וואָלט געשען.
ס׳לעבט אַ מענטש און ער פאַרגייט
ווי קיינמאָל ניט געווען.

איך קוק ארויף צום הימל־צו,
צו פרעגן ביי די שטערן:
צי איז זייער גורל אויך
צו לעבן און ניט ווערן?

צו וואָס־זשע איז דער גאַנצער שפּיל
פון לעבן און פאַרגיין,
צי איז פאַראַנען דען אַ וועג
צו קענען עס פאַרשטיין?

אַלץ פֿאַרגייט

ניטאָ מער דער מענטש
וואָס ערשט האָט געלעבט,
ניטאָ מער דער פֿויגל
וואָס ערשט האָט געשוועבט.

ניטאָ מער די שטראַלן
וואָס האָבן געגליט,
ניטאָ מער די בלומען
וואָס האָבן געבליט.

ניטאָ מער די בין
וואָס ערשט האָט געזשומט,
ניטאָ מער די טענער
וואָס האָבן געברומט.

ניטאָ מער די בלעטער
וואָס פֿאַלן פֿון בוים,
אַלץ פֿאַרגייט
אזוי ווי אַ שוים.

FINITA LA COMEDIA

(דאָס שפּיל איז פֿאַרענדיקט)

דער פֿאָרהאַנג פֿאַרצויגן
דאָס שפּיל איז פֿאַרענדיקט,
עס ציען זיך מענטשן
צוריק שוין אַהיים.

אין זאַל די אַקוסטיק
ווי אַ טרונע אַ פּוסטע,
ווי דאָרט וואָלט געלעגן
עפּעס געהיים.

עס שווייגט דער אָרקעסטער
ניטאָ מער קיין טענער,
פֿון ווייטן זיך טראָגט
אַן אומעט געזאַנג.

מענטשן אין טרויער
גייען באַגלייטן
דאָס שפּיל די לעצטע
אין אייביקן גאַנג.

צווייטער טייל

לידער און פּאָעמעס
פון אינדישן פילאָסאָף
און דיכטער
ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

(1861 — 1941)

איבערגעזעצט פון ענגליש:

ה. ערליך.



ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

ווער ביסטו לייענער

ווער ביסטו, לייענער, וואָס וועט לייענען מיינע לידער אַ הונדערט יאָר שפּעטער ?
איך קען דיר ניט שיקן קיין איינציקע בלום פון דער רייכקייט פון פרילינג, קיין
איין פּאַס גאָלד פון יענער זייט וואָלקן.
עפן דיינע טירן און קוק ארויס אין דרויסן.
פון דיין בליענדיקן גאָרטן קלייב צונויף די זיסע זכרונות פון די פאַרשוואונדענע
בלומען פון הונדערט יאָר פריער.
אין דער פרייד פון דיין האַרץ וועסטו פילן דעם לעבעדיקן געזאַנג וואָס האָט
געזונגען אין אַ פרילינג־פרימאָרגן, שיקנדיק זיין פריידיקע שטימע איבער
אַ הונדערט יאָר.

איך בענק צו גיין

איך בענק צו גיין צו דער ווייטער זייט פון טייך;
וו שיפן זיינען צוגעבונדן צו די באַמבו־שטעקנס אין אַ ריי;
וו מענטשן גייען אריבער אין זייערע שיפן אין פרימאָרגן מיט זייערע אַקערס
אויף די פלייצעס צו באַארבעטן זייערע ווייטע פעלדער;
וו פאַסטעכער פירן זייערע קי אריבערצושווימען צו יענער זייט פון טייך
נאָך פיטערניש;
פון וואַנען אַלע קומען צוריק אַ היים אין אָונט, איבערלאָזנדיק די שאַקאַלן
וואָיענען אויפן אינדזל באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן.
מוטער, אויב דו ביסט ניט קעגן, וואָלט איך וועלן ווערן דער פירער פון פּראָם
ווען איך וועל אויפוואַקסן.
מען זאָגט אז אויף יענער זייט פון טייך ליגן באַהאַלטן אומבאַקאַנטע וואַסערן,
ווי מחנות ווילדע ענטלעך קומען ווען די רעגנס זיינען אריבער, און דיקע ראָר־
שטעקלעך וואַקסן ארום די ברעגעס, וו וואַסער־פויגלען לייגן זייערע
אייער;
וו קליינע פייגעלעך מיט זייערע טאַנצנדיקע עקן לאָזן איבער צייכנס פון זייערע
קליינע פוסטריט אויף דער ווייכער קויטיקער ערד;
וו אין אָונט די הויכע גראָזן באַפּוצט מיט ווייסע בלומען, פאַרבעטן די לבנה־
שטראַלן צו שווימען אויף זייערע כוואַליעס.
מוטער, אויב דו ביסט ניט קעגן, וואָלט איך וועלן ווערן דער פירער פון פּראָם
ווען איך וועל אויפוואַקסן.

איך וועל אריבערקרייצן אַהין און צוריק פון ברעג צו ברעג, און אַלע יינגלעך
און מיידלעך פון דאָרף וועלן זיך וואונדערן, ווען זיי וועלן זיך האַלטן אין באָדן.

ווען די זון שטייגט אין מיטן הימל און דער פרימאָרגן פאַרגייט אין מיטן טאָג,
וועל איך צו דיר קומען צו לויפן, זאָגנדיק: „מוטער, איך בין הונגעריק״.

ווען דער טאָג איז פאַרביי און די שאָטנס באַהאַלטן זיך אונטער די ביימער, וועל
איך קומען צוריק אין דער טונקל.

איך וועל קיינמאָל פון דיר ניט אַוועק אין שטאָט אריין אַרבעטן ווי דער פאָטער.

מוטער, אויב דו ביסט ניט קעגן, וואָלט איך וועלן ווערן דער פירער פון פראָם
ווען איך וועל אויפוואַקסן.

וואַלקנס און כוואַליעס

מוטער, די מענטשן וואָס וווינען אין די וואָלקנס רופן צו מיר —
„מיר שפּילן זיך ווי נאָר מיר דערוואַכן ביזן סוף פון טאָג,
מיר שפּילן זיך מיטן גאָלדענעם פרימאָרגן, און מיר שפּילן זיך מיט דער
זילבערנער לבנה".
„אָבער ווי קען איך צו אייך קומען?" פרעג איך.
און זיי ענטפערן: „גיי ביזן סוף פון דער ערד, הויב אויף דיינע הענט צום
הימל, און מען וועט דיך אַרויפבערענגען אין די וואָלקנס".
„מיין מאַמע", זאָג איך, „וואַרט אויף מיר אינדערהיים, ווי קען איך זי איבערלאָזן
און קומען צו אייך?"
שמייכלען זיי און פאַרגייען.
איך ווייס פון אַ שענערן שפּיל, מוטער.
איך וועל זיין דער וואָלקן און דו וועסט זיין די לבנה.
איך וועל דיר צודעקן מיט ביידע הענט, און דער שפּיץ פון אונדזער הויז וועט
זיין דער בלאָער הימל.

די מענטשן וואָס וווינען אין די כוואַליעס פון ים רופן צו מיר —
„מיר זינגען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט; מיר שווימען און שווימען אָן אַ סוף".
„אָבער ווי קען איך צו אייך קומען?" פרעג איך.
און זיי ענטפערן: „גיי ביז צום ברעג פון ים און שטיי מיט די אויגן פעסט
פאַרמאַכט, און דו וועסט ווערן אַוועקגעטראָגן אויף די כוואַליעס פון ים".
„מיין מאַמע", זאָג איך, „וויל מיר האָבן אין אָוונט אינדערהיים, ווי קען איך זי
איבערלאָזן און גיין מיט אייך?"
שמייכלען זיי, טאַנצן און פאַרשווינדן.
איך ווייס פון אַ בעסערן שפּיל, מוטער.
איך וועל זיין די כוואַליעס און דו וועסט זיין דער ברעג פון ים. איך וועל זיך
קייקלען און קייקלען, ביז איך וועל פאַלן אין דיין שויס מיט געלעכטער.
און קיינער וועט ניט וויסן ווו מיר זיינען ביידע.

דער סוחר

מוטער, שטעל זיך פאָר אז דו בלייבסט אינדערהיים און איך לאָז מיך אַוועק
רייזן אין פרעמדע לענדער.
שטעל זיך פאָר אז די שיף שטייט גרייט און איז פול געלאָדן.
און איצטער, מוטער, באַטראַכט זיך גוט איידער דו זאָגסט וואָס איך זאָל דיר
ברענגען ווען איך קום צוריק אַהיים.

מוטער, ווילסטו הויפנס גאָלד ?
ביי די ברעגעס פון די גאָלדענע שטראָמען, די פעלדער זיינען פול מיט
גאָלדענעם שניט.
און אין די שאָטנס פון די וועגן אין וואַלד די גאָלדענע טשאַמפּאַ־בלומען פאַלן
אַראָפּ אויף דער ערד.
איך וועל זיי צוזאַמענקלייבן פאַר דיר אין הונדערטער קערב.
מוטער, ווילסטו פּערל, גרויס ווי רעגן־טראָפּנס וואָס פאַלן אין האַרבסט ?

איך וועל אריבערגיין צו די ברעגעס פון פּערל־אינדזל,
דאָרטן אין פרימאָרגן־ליכט פּערל ציטערן אויף די בלומען פון די לאָנקעס,
פּערל פאַלן אויפן גראָז, און פּערל זיינען צעשפּרייט אויפן זאַמד, באַשפּריצט
פון די ווילדע כוואַליעס פון ים.

מיין ברודער זאָל האָבן אַ פּאָר פערד מיט פליגלען צו פליען אין די וואָלקנס.
מיין פאָטער וועל איך ברענגען אַ כישוף־פעדער וואָס וועט אָן זיין וויסן שרייבן
פון זיך אליין.
פאַר דיר, מוטער, מוז איך האָבן דאָס קעסטעלע מיט בריליאַנטן וואָס קאָסטן
זיבן קעניגן זייער קעניגרייך.

די טשאַמפּאַ־בלום

וואָס וואָלט געווען ווען איך וואָלט געוואָרן אַ טשאַמפּאַ־בלום, גלאַט אזוי אין
אין שפּאָס און געוואַקסן אויף אַ צווייג אין דער הויך אויף אַ בוים, און זיך
געשאָקלט אין ווינט מיט געלעכטער און געטאַנצט אויף די פרישע קנאָספּן
פון בלעטער, וואָלסטו מיך דערקענט, מוטער?

דו וואָלסט רופן „וווּ ביסטו קינד?" און איך וואָלט לאַכן אין זיך און האַלטן
זיך שטיל, שטיל.

געשייט וואָלט איך עפענען מיין בלומען־בלאַט און וואַכן איבער דיר ביי דיין
אַרבעט.

ווען נאָך דיין באָדן זיך, מיט די נאַסע האָר צעשפּרייט אויף דיינע אַקסלען,
גייסטו דורך אין שאָטן פון דעם טשאַמפּאַ־בלום צום קליינעם זאַל ווו דו
זאָגסט דיין געבעט, דו וואָלסט דערפילן דעם ריח פון דער בלום אָבער ניט
וויסן אז דאָס קומט פון מיר.

ווען נאָך דיין מיטאָג־עסן דו זיצסט ביים פענצטער לייענענדיק רומאַניאַנאַ, און
דער שאָטן פון דעם בוים פאַלט איבער דיינע האָר אין שויס, וואָלט איך
וואַרפן אויף מיין פיצל שאָטן אויף דיין בוך פונקט דאָרט ווו דו לייענסט.
וואָלסטו אָבער טרעפן אז דאָס איז געווען דער קליינער שאָטן פון דיין קינד?

אין אָוונט ווען דו גייסט צום שטאַל פון די קי מיט אַן אָנגעצונדן לאָמפּ אין האַנט
וואָלט איך זיך פּלוצלונג וואַרפן אויף דער ערד און ווידער זיין דיין קינד
און בעטן דיר דערציילן מיר אַ מעשה.

„וווּ ביסטו געווען דו צעלאָזן קינד?"

„איך וועל דיר ניט דערציילן, מוטער". דאָס איז אַלץ וואָס דו און איך וואָלטן
דאַן זאָגן.

דער קוואַל

דער שלאָף וואָס פלאַטערט איבער קינדערשע אויגן — צי ווייסט ווער פון וואַנען ער קומט? יאָ, מען זאָגט אין אַ פאַרכישופטן דאָרף צווישן שאָטנס פון וואַלד, טונקל באַלויכטן פון גליוועורם, דאָרטן הענגען צוויי שעמעדיקע קנאָספּן פון צויבער. פון דאָרטן קומט דער שלאָף קושן די קינדערשע אויגן.

דער שמייכל וואָס באַוועגט זיך אויף קינדערשע ליפּן אין שלאָף — צי ווייסט ווער ווו ער איז געבאָרן? יאָ, מען זאָגט אז אַ יונגער בלאַסער שטראַל פון אַ האַלבע לבנה האָט אָנגערירט דעם ברעג פון א פאַרשווינדנדיקן האַרבסט־וואָלקן, און דאָרט איז דער שמייכל צו ערשט געבאָרן געוואָרן אין אַ טרוים פון אַ טויאיקן פרימאָרגן. אָט דער שמייכל באַוועגט זיך אויף קינדערשע ליפּן אין שלאָף.

די זיס־ווייכע פרישקייט, וואָס בליט אויף קינדערשע גלידער — צי ווייסט ווער ווו זי איז געלעגן אזוי לאַנג באַהאַלטן? — יאָ, ווען די מוטער איז נאָך אַ יונג מיידל געווען האָט די פרישקייט דורכגענומען איר האַרץ מיט דער צאַרטער און שטילער מיסטעריע פון ליבע. אָט די זיס־ווייכע פרישקייט בליט אויף קינדערשע גלידער.

איך האָב געטראַכט

איך האָב געטראַכט אז מיין רייזע איז געקומען צו אַ סוף און מיינע כוחות זיינען דערגאַנגען צו דער לעצטער גרענעץ. אז דער וועג איז פאַר מיר פאַרמאַכט, אז מיינע מיטלען זיינען אויסגעשעפּט, און אז די צייט איז געקומען זיך אויסצובאַהאַלטן אין שטילער טונקלקייט.

איך געפין אָבער אז דיין ווילן אין מיר ווייסט ניט פון קיין סוף. און ווען אַלטע ווערטער אויף דער צונג שטאַרבן אָפּ, נייע מעלאָדיעס רייסן זיך ארויס פון האַרץ; און ווען אַלטע וועגן ווערן פאַרלאָרן, אַ ניי לאַנד אַנטפּלעקט זיך מיט זיינע וואונדער.

עס איז צייט פאַר מיר צו גיין

עס איז צייט פאַר מיר צו גיין, מוטער, איך גיי.
ווען אין דער פאַרצאַמטער פינצטערניש פון איינזאַמען באַגינען דו שפּרייטסט
אויס דיינע אָרעמס צו דיין קינד אין בעט, וועל איך זאָגן „דאָס קינד איז
דאָ ניטאָ!״ — מוטער, איך גיי.
איך וועל ווערן אַ לייכטער צוגווינט פון לופט און דיך ארומנעמען און צערטלען;
און וועל זיך קרייזלען אין וואַסער ווען דו וועסט זיך באָדן, און דיך קושן
און קושן.
אין דער שטורעמדיקער נאַכט ווען דער רעגן פּאַטשט אויף די בלעטער וועסטו
הערן מיין פּליסטערן אין דיין בעט, און מיין געלעכטער וועט מיט דער
שנעלקייט פון אַ בליץ אריין דורך דעם אָפענעם פענצטער פון דיין צימער.
אויב דו ליגסט וואַך טראַכטנדיק פון דיין קינד שפּעט אינדערנאַכט, וועל איך
פון די שטערן דיר זינגען: „שלאָף, מוטער, שלאָף״.
אויף די בלאַנדזשענדיקע לבנה־שטראַלן וועל איך זיך אריינגנבענען איבער דיין
בעט, און וועל זיך לייגן אויף דיין ברוסט ווען דו שלאָפסט.
איך וועל ווערן אַ טרוים, און דורך די קליינע עפענונגען פון דיינע אויגן־דעקלעך
וועל איך זיך אריינגליטשן אין די טיפענישן פון דיין שלאָף; און ווען דו
וועסט זיך אויפכאַפּן און אַ ציטער טאָן פון שרעק, וועל איך ווי אַ פינקל־
דיקער גליוואָרם ארויספלאַטערן אין דער פינצטערניש.
אין דעם גרויסן יום־טוב פון פּודזשאַ, ווען די שכנותדיקע קינדער קומען זיך
צונויף אין הויז זיך שפּילן, וועל איך זיך אויפלייזן אין דער מוזיק פון דער
פלייט און פולסירן אין דיין האַרץ דעם גאַנצן טאָג.
די ליבע טאַנטע וועט קומען מיט פּודזשאַ־מתנות און וועט פרעגן: „ווו איז
אונדזער קינד, שוועסטער?״ מוטער, דו וועסט איר זאָגן: „דאָס קינד איז
אין די שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן, דאָס קינד איז אין מיין לייב און אין
מיין נשמה״.

ווען און פאַרוואָס

ווען איך ברענג דיר קאָלירטע שפּילצייג, מיין קינד, פאַרשטיי איך פאַרוואָס עס איז דאָ אזא שפּיל פון קאָלירן אויף וואָלקנס, אויף וואַסער, און פאַרוואָס בלומען זיינען געפאַרבט אין פאַרשיידענע שאַטירונגען — ווען איך ברענג דיר קאָלירטע שפּילצייג, מיין קינד.

ווען איך זינג דו זאָלסט אָנהויבן טאַנצן, ווייס איך פאַרוואָס עס איז דאָ מוזיק אין בלעטער, און פאַרוואָס כוואַליעס שיקן זייער כאָר פון שטימען צו דער האַרץ פון דער זיך צוהערנדיקע ערד — ווען איך זינג דו זאָלסט אָנהויבן טאַנצן.

ווען איך ברענג זיסיקייטן צו דיינע גיריקע הענט, ווייס איך פאַרוואָס עס איז דאָ האָניק אין די בלומען־בעכערס, און פאַרוואָס פרוכטן זיינען אין געהיים אָנגעפילט מיט זיסן זאַפט — ווען איך ברענג זיסיקייטן צו דיינע גיריקע הענט.

ווען איך קוש דיין פּנים צו מאַכן דיר שמייכלען, מיין טייערע, פאַרשטיי איך געוויס וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס שטראַלט פון הימל אין פרימאָרגן־ליכט, און וואָס פאַר אַ פרייד דער זאַנפטיקער זומער־ווינט ברענגט אין מיין לייב — ווען איך קוש דיך צו מאַכן דיר שמייכלען.

אויפן ברעג פון ים

אויפן ברעג פון ים פון אומענדלעכע וועלטן טרעפן זיך קינדער.
דער גרענעצלאָזער הימל אין דער הויך איז אָן באַוועגונג און דער אומרואיקער
וואַסער איז שטורמיש. אויפן ברעג פון ים פון אומענדלעכע וועלטן טרעפן
זיך קינדער מיט געשרייען און טענץ.
זיי בויען זייערע הייזער פון זאַמד, און שפּילן זיך מיט ליידיקע ים־שיסעלעך.
פון פאַרוויאַנעטע בלעטער פלעכטן זיי זייערע שיפן און שמייכלענדיק לאָזן זיי
זיי שווימען אין די גרויסע טיפענישן. קינדער שפּילן זיך אויפן ים־ברעג
פון וועלטן.

זיי קענען ניט שווימען און וויסן ניט ווי צו וואַרפן קיין נעצן. פּערל־דישערס
לאָזן זיך אַראָפּ זוכן פּערל, הענדלער רייזן אַרום אין זייערע שיפן, אָבער
קינדער קלייבן קליינע שטיינדלעך און צעוואַרפן זיי באַלד. זיי זוכן ניט
קיין באַהאַלטענע אוצרות און וויסן ניט ווי צו וואַרפן קיין נעצן.

דער ים וואַרפט די כוואַליעס מיט געלעכטער, און בלאַסע שטראַלן שמייכלען
אַרויס פון ים־ברעג. טויט־געפערלעכע כוואַליעס זינגען אומזיניקע באַ־
לאַדעס צו די קינדער, אַזוי ווי אַ מאַמע ווען זי שאָקלט די וויג פון איר קינד.
דער ים שפּילט זיך מיט די קינדער. און בלאַסע שטראַלן שמייכלען אַרויס
פון ים־ברעג.

אויפן ברעג פון ים פון אומענדלעכע וועלטן טרעפן זיך קינדער. שטורעם־ווינטן
יאָגן זיך אין וועגלאָזן הימל. שיפן גייען אונטער און לאָזן ניט איבער קיין
שפּורן, טויט הענגט אין דרויסן, אָבער קינדער שפּילן זיך.
אויפן ברעג פון ים פון אומענדלעכע וועלטן איז די גרויסע באַגעגעניש פון
קינדער.

די בלומען־שול

ווען שטורעם־וואָלקנס ברומען אין הימל און שטאַרקע יוני־רעגנס פאַלן אַראָפּ,
דער פייכטער מזרח־ווינט קומט מאַרשירנדיק איבער די סטעפּעס בלאָזנדיק
זיין זאַקפּייף צווישן די באַמבוס.
באַווייזן זיך דאָן פלוצלונג מחנות בלומען, קיינער ווייסט ניט פון וואַנען, און
טאַנצן איבערן גראָז אין ווילדן פרייד.

מוטער, איך טראַכט באמת אז בלומען גייען אין שול אונטער דער ערד. זיי מאַכן
זייערע שול־אויפגאַבן ביי פאַרמאַכטע טירן, און אויב זיי ווילן ארויסגיין
זיך שפּילן פאַר דער צייט, שטעלט זיי דער לערער אין ווינקל.
ווען די רעגנס קומען, האָבן זיי דאָן זייער פרייע צייט.
צווייגן שטויסן זיך צוזאַמען אין וואַלד, און די בלעטער רוישן אין ווילדן ווינט.
די דונער־וואָלקנס פּאַטשן מיט זייערע ריזיקע הענט, און די בלומען־קינדער
לויפן ארויס אין קליידער פון רויז, געל און ווייס.

דו ווייסט, מוטער, זייער היים איז אין הימל ווו עס געפינען זיך די שטערן.
האָסטו ניט געזען ווי שטאַרק זיי איילן זיך צו גיין אַהין? ווייסטו פאַרוואָס זיי
איילן זיך אזוי?
געוויס, איך קען טרעפן צו וועמען זיי הויבן זייער אָרעמס; זיי האָבן זייערע
מוטערס, ווי איך האָב מיינע.

כאַטש דער אָוונט קומט

כאַטש דער אָוונט קומט מיט לאַנגזאַמע טריט און האָט געגעבן אַ צייכן פאַר
אַלע געזאַנגען אויפצוהערן;
כאַטש דיינע באַגלייטערס זיינען געגאַנגען צו זייער רו און דו ביסט מיד
כאַטש שרעק בריט זיך אויס אין דער פינצטערניש און דאָס פּנים פון הימל
איז פאַרשלייערט;
דאָך, פויגל, אָ, מיין פויגל, הער זיך צו מיר צו, לאָז ניט אַראָפּ דיינע פליגלען.
דאָס איז ניט דער טרויער פון בלעטער אין וואַלד, דאָס איז דער ים וואָס בלאָזט
זיך אויף ווי אַ טונקל שוואַרצע שלאַנג.
דאָס איז ניט דער טאַנץ פון בליענדיקן יאַסמין, דאָס איז דער גלאַנץ פון שוים.
אָ, ווו איז דער זוניק גרינער ברעג, ווו איז דיין נעסט?
פויגל, אָ, מיין פויגל, הער זיך צו מיר צו, לאָז ניט אַראָפּ דיינע פליגלען.

די איינזאַמע נאַכט ליגט אויף דיין וועג, דער פרימאָרגן שלאָפט הינטער די
שאָטנדיקע בערגלעך.
די שטערן האַלטן אין זייער אָטעם ציילנדיק די שעהן, די מידע לבנה שווימט
אין די טיפעגישן פון דער נאַכט.
פויגל, אָ, מיין פויגל, הער זיך צו מיר צו, לאָז ניט אַראָפּ דיינע פליגלען.
ניטאָ קיין האָפענונג, קיין שרעק פאַר דיר.
ניטאָ קיין וואָרט, קיין פליסטער, קיין געשריי.
ניטאָ קיין היים, קיין בעט צו רוען.
עס איז נאָר דאָ דיינע אייגענע פּאָר פליגלען און דער וועגלאָזער הימל.
פויגל, אָ, מיין פויגל, הער זיך צו מיר צו, לאָז ניט אַראָפּ דיינע פליגלען.

די ערשטע יאַסמינען

אָ, די יאַסמינען, די ווייסע יאַסמינען!
איך געדענק נאָך דעם ערשטן טאָג ווען איך האָב אָנגעפילט מיינע הענט מיט די יאַסמינען, די ווייסע יאַסמינען.
איך האָב ליב געהאַט דאָס זונליכט, דעם הימל און די גרינע ערד; איך האָב געהערט דעם זאַנפטיקן מורמל פון טייך דורך דער פינצטערניש פון האַלבע נאַכט;
האַרבסטיקע זון־אונטערגאַנגען זיינען צו מיר געקומען ביי דעם בויג פון אַ וועג אין דער איינזאַמער וויסטעניש, ווי אַ כלה וואָס דעקט אָפּ דעם שלייער אויפצונעמען איר געליבטן.
דאָך איז מיין זכרון נאָך אַלץ זיס מיט די ערשטע ווייסע יאַסמינען וואָס איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט ווען איך בין געווען אַ קינד.

אַ סך פריידיקע טעג האָב איך געהאַט אין מיין לעבן, און האָב געלאַכט צוזאַמען מיט די שפּאַס־מאַכערס אין יום־טובדיקע נעכט.
אין גרויע רעגנדיקע פרימאָרגנס האָב איך געברומט פוסטע לידער. איך האָב געטראָגן ארום מיין האַלדז דעם אָוונט־קראַנץ פון באַקולעס, געפלאָכטן מיט די הענט פון ליבע.
דאָך איז מיין האַרץ זיס מיט די זכרונות פון די ערשטע פרישע יאַסמינען וואָס האָבן אָנגעפילט מיינע הענט ווען איך בין געווען אַ קינד.

אויב דו אײַלסט זיך

אויב דו וואָלסט זיך אײַלן אָנצופילן דײַן קרוג, קום, אָ, קום צו מײַן טײַך.
דאָס וואַסער וועט זיך קלאַמערן ארום דײַנע פיס און מורמלען זײַנע סודות.
דער שאָטן פון דעם קומענדיקן רעגן אויפן זאַמד, און די וואָלקנס הענגען
נידעריק אויף די בלאָע צײַלן פון די ביימער ווי די געדיכטע האָר איבער
דײַנע ברעמען.
איך קען גוט דעם ריטעם פון דײַנע טריט, זיי פולסירן אין מײַן האַרץ.
קום, אָ, קום צו מײַן טײַך אויב דו מוזסט אָנפילן דײַן קרוג.

אויב דו וואָלסט זיצן ליידיק און זאָרגלאָז און לאָזן דײַן קרוג שווימען אויפן
וואַסער, קום, אָ, קום צו מײַן טײַך.
דער גראָז־באַדעקטער באַרג־אַראָפּ איז גרין, און פול מיט ווילדע בלומען אָן
אַ צאָל.
דײַנע געדאַנקען וועלן ארויסוואַנדערן פון דײַנע טונקעלע אויגן ווי פויגלען
פון זייערע נעסטן.
דײַן שלייער וועט פאַלן צו דײַנע פיס.
קום, אָ, קום צו מײַן טײַך אויב דו מוזסט זיצן ליידיק.

אויב דו וואָלסט פאַרלאָזן דײַן שפּיל און זיך אונטערטויכן אין וואַסער, קום, אָ,
קום צו מײַן טײַך.
לאָז דײַן בלומען־שלייער ליגן אויפן ברעג. דאָס בלאָע וואַסער וועט דיך צודעקן
און באַהאַלטן.
די כוואַליעס וועלן שטײַן אויף די שפּיץ פינגער און קושן דײַן האַלדז און
פליסטערן אין דײַנע אויערן.
קום, אָ, קום צו מײַן טײַך אויב דו ווילסט זיך אונטערטויכן אין וואַסער.

אויב דו מוסט ווערן וואַנזיניק און שפּרינגען צו דיין טויט, קום, אָ, קום צו מיין טייך.

ער איז פול און אומענדלעך טיף.

ער איז פינצטער ווי אַ שלאָף אָן חלומות.

דאָרט אין זיינע טיפענישן איז נאַכט און טאָג איינס, און לידער זיינען אין פולער שטילקייט.

קום, אָ, קום צו מיין טייך, אויב דו ווילסט פאַלן צו דיין טויט.

דער פּאָטער איז געקומען

דער פּאָטער איז געקומען פון דער לוויה.
זיין זיבן־יאָריקער זון, די אויגן ברייט אָפן און מיט אַ גאָלדענע קמיע אַראָפּ־
געהאָנגען פון זיין האַלדז, איז געשטאַנען ביים פענצטער שטאַרק פאַר־
טראַכט אין געדאַנקען, צו שווער פאַר זיין עלטער.
דער פּאָטער האָט אים גענומען אין זיינע אָרעמס, און דאָס יינגל האָט אים
געפרעגט: „ווו איז די מאַמע ?"
„אין הימל", האָט דער פּאָטער אים געענטפערט וויינענדיק אין דער הויך.

ביינאַכט האָט דער פּאָטער געזיפצט אין שלאָף מיט טרויער.
אַ לאָמפּ האָט טונקל געברענט נאָענט ביי דער טיר פון שלאָפצימער, און
אַ יאַשטשערקע האָט זיך געיאָגט נאָך פליגן אויף דער וואַנט.
דאָס יינגל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געפילט מיט די הענט די ליידיקייט
אין בעט, און זיך ארויסגעגנבעט אויף דער אָפענער טעראַסע.
דאָס יינגל האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און לאַנג געקוקט אין דער
שטיל. זיין צעטומלטער געדאַנק האָט ארויסגערופן אין דער נאַכט די
פראַגע, „ווו איז דער הימל ?"
קיין ענטפער איז ניט געקומען: און די שטערן האָבן אויסגעוויזן ווי ברענענדיקע
טרערן אויף דער אומבאַקאַנטער פינצטערניש.

דער מענטש האָט ניט געהאַט קיין נוצלעכע אַרבעט

דער מענטש האָט ניט געהאַט קיין נוצלעכע אַרבעט, נאָר משונהדיקע איינפאַלן.
דעריבער איז ער געוואָרן איבערראַשט צו געפינען זיך אין גן־עדן, נאָכדעם
ווי ער האָט אַ לעבן פאַרבראַכט צו פאַרפולקומען קלייניקייטן.
איצטער דורך אַ טעות האָט דער וועגווייזער אים געבראַכט אין דעם ניט ריכטיקן
גן־עדן — אזא וואָס איז געמיינט נאָר פאַר גוטע אַקטיווע נשמות.

אין דעם גן־עדן דרייט זיך אונדזער מענטש ארום לענגאויס דעם וועג בלויז צו
שטערן די אײלעניש פון די באַשעפטיקטע.
ער שטייט ביי דער זייט פון וועג און מען וואָרנט אים אז ער טרעט אויף פאַר־
זייטער ערד. אָפּגעשטופּט, נעמט ער זיך באַוועגן; אַוועקגעשטויסן, הויבט
ער אָן גיין.
אַ זייער באַשעפטיקטע מיידל קומט ברענגען וואַסער פון קוואַל. אירע פיס
לויפן איבערן טראָטואַר ווי די שנעלע פינגער איבער די סטרונעס פון
אַ האַרף. שנעל פאַרבינדט זי אירע צעלאָזענע האָר אין אַ קנופּ, און די לייזע
לאָקן אויף איר שטערן גריבלען זיך אין דער טונקלקייט פון אירע אויגן.
דער מענטש זאָגט צו איר: „וואָלסטו מיר לייען דיין קרוג?"
„מיין קרוג?", פרעגט זי, „צו שעפּן וואַסער?"
„ניין, צו מאָלן אויף דעם מוסטערן".
„איך האָב קיין צייט ניט צו פטרן", ענטפערט דאָס מיידל מיט פאַראַכטונג.

איצטער, אַ באַשעפּטיקטע נשמה האָט ניט די מעגלעכקייט צו שטעלן זיך קעגן איינעם וועלכער שטייט אויפן העכסטן שטאַפּל פון פּוילקייט.
יעדן טאָג טרעפט זי אים ביים קוואַל, און יעדן טאָג חזרט ער איבער דעם זעלביקן פאַרלאַנג, צו לעצט גיט זי זיך אונטער.
אונדזער מענטש מאָלט דעם קרוג מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן און מיסטעריעזע פאַרפּלאָנטערטע ליניעס.
דאָס מיידל הויבט עס אויף, דרייט ארום און פרעגט: „וואָס מיינט דאָס?"
„עס האָט ניט קיין מיין", ענטפערט ער.

דאָס מיידל טראָגט דעם קרוג אַהיים. זי האַלט עס אין דער הויך ביי פאַרשיידענע ליכט און זוכט צו דערגיין דעם סוד.
ביינאַכט גייט זי ארויס פון בעט, צינדט אָן דעם לאָמפּ, און באַטראַכט דעם קרוג פון אַלע זייטן.
דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אַ זאַך וואָס האָט ניט קיין מיין.
אויף מאָרגן איז דער מענטש ווידער ביים קוואַל.
דאָס מיידל פרעגט אים: „וואָס ווילסטו?"
„צו טאָן נאָך אַרבעט פאַר דיר".
„וועלכע אַרבעט?", פרעגט זי.
„דערלויב מיר צו פלעכטן קאָלירטע סטענגעס אין אַ באַנד צו פאַרבינדן דיינע האָר".
„איז דאָס נויטיק?", פרעגט זי.
„ניט אינגאַנצן", גיט ער צו.
דער באַנד איז פאַרטיק. און פון איצט אָן פאַרשווענדט זי אַ גרויסן טייל פון איר צייט איבער אירע האָר.

אפילו די אָנשטרענגונג פון דער גוט באַשעפּטיקטער צייט אין גן־עדן הויבט
אָן צו ווייזן אומרעגלמעסיקע איינקונפטן.
די עלטסטע זיינען באַאומרואיקט און קומען זיך באַראַטן.
דער ווענגווייזער איז זיך מודה אין זיין טעות, זאָגנדיק אז ער האָט געבראַכט
דעם ניט ריכטיקן מענטשן אין דעם ניט ריכטיקן אָרט.
מען רופט אריין דעם ניט ריכטיקן מענטשן. זיין טורבאַן וואָס פלאַמט מיט
קאָלירן, ווייזט איינפאַך ווי גרויס דער טעות איז דאָ געווען.
דער הויפט פון די עלטסטע גיט אַ זאָג: „דו מוסט גיין צוריק אויף דער ערד".
דער מענטש לאָזט ארויס אַ טיפן זיפץ פון פאַרלייכטערונג: „איך בין גרייט".
דאָס מיידל מיטן באַנד ארום אירע האָר שטימט מיט: „איך אויך!"
צום ערשטן מאָל געפינט זיך דער הויפט פון די עלטסטע אין אַ סיטואַציע וואָס
האָט ניט קיין זין.

רייזנדער, וווהין גייסטו?

„רייזנדער, וווהין גייסטו?"

„איך גיי זיך באָדן אין ים אין רויטלעכן פרימאָרגן, מיטן וועג באַשאָטנט פון ביימער".

„רייזנדער, וווּ איז דער ים?"

„דאָרט ווו דער טייך ענדיקט זיין גאַנג, ווו דער פאַרטאָג עפנט זיך אין פרי־מאָרגן, ווו דער טאָג זינקט אין דער טונקלקייט".

„רייזנדער, וויפיל זיינען דאָ וואָס גייען מיט דיר?"

„איך ווייס ניט ווי זיי צו ציילן.

זיי גייען די גאַנצע נאַכט מיט זייערע לאָמפּן באַלויכטן, זיי זינגען דעם גאַנצן טאָג דורך טריקעניש און וואַסער".

„רייזנדער, ווי ווייט איז דער ים?"

„ווי ווייט עס איז דער ים, ווען מיר פרעגן. דער רוישיקער טומל פון זיינע וואַסערן דערגרייכט ביז צום הימל ווען מיר בלייבן שטיל. עס זעט אויס נאָענט און דאָך ווייט".

„רייזנדער, די זון גליט זייער שטאַרק".

„יאָ, אונדזער וועג איז לאַנג און שווער. זינג ווען עס פעלט מוט, זינג ווען דאָס האַרץ שרעקט".

„רייזנדער, וואָס אויב די נאַכט נעמט אייך אַרום?"

„מיר וועלן זיך לייגן שלאָפן ביז דער נייער פרימאָרגן קומט ארויס מיט זיינע לידער, און דער רוף פון ים צעטראָגט זיך אין דער לופט".

אַ וואַנזיניקער וואַנדערער

אַ וואַנזיניקער וואַנדערער האָט געזוכט דעם פּרוביר־שטיין, די צעפּלאָכטענע לאָקן באַדעקט מיט שטויב, דער קערפּער ווי אַ שאָטן, זיינע ליפּן צונויפגעפּרעסט, ווי די פאַרמאַכטע טירן פון זיין האַרץ, זיינע ברענענדיקע אויגן ווי די ליכט פון אַ גליוואָרעם וואָס זוכט זיין פּאָר.

פאָרויס האָט דער אומענדלעכער ים געברויזט.
די כוואַליעס האָבן אָן אויפהער גערעדט פון באַהאַלטענע אוצרות שפּאָטנדיק פון די, וואָס פאַרשטייען ניט זייער באַטייט.
קען זיין אז פאַר אים איז מער קיין האָפענונג ניט געבליבן, דאָך האָט ער ניט גערוט, דאָס זוכן איז ביי אים געוואָרן זיין לעבן, —
פונקט ווי דער ים פון אייביק אָן הויבט זיינע אָרעמס צום הימל און קען ניט דערלאַנגען —
פונקט ווי די שטערן דרייען זיך אין אַ קרייז און זוכן אַ ציל,וואָס זיי קענען קיינמאָל ניט דערגרייכן —
אפילו איצטער וואַנדערט דער וואַנזיניקער ארום מיט זיינע צעפּלאָכטענע, פאַר־שטויבטע לאָקן אויף דעם פאַרלאָזענעם ברעג און זוכט דער פּרוביר־שטיין.

איינמאָל איז אַ יינגל פון דאָרף צו אים געקומען און געפרעגט: „דערצייל מיר
וויי אזוי ביסטו געקומען צו די גאָלדענע קייט, וואָס דו טראָגסט ארום זיך?״
דער וואַנזיניקער האָט אויפגעציטערט — די קייט וואָס איז אַמאָל געווען אייזן,
איז געוואָרן עכטע גאָלד; דאָס איז ניט געווען קיין חלום, אָבער ער
געדענקט ניט ווען דאָס האָט פּאַסירט.
ער האָט זיך ווילד געקלאַפּט אין שטערן — וויי, אָ, וויי, האָט ער ניט וויסנדיק
דערגרייכט דעם דערפאָלג?
עס איז ביי אים געוואָרן אַ געוווינהייט צו קלייבן זאַמד־שטיינדלעך, אָנרירן
מיט זיי די קייט און זיי אוועקוואַרפן, ניט קוקנדיק, אויב אַן ענדערונג איז
פאָרגעקומען; און אזוי האָט דער וואַנזיניקער געפונען און פאַרלאָרן דעם
פּרוביר־שטיין.

די זון האָט גענומען פאַרגיין אין מערב, דער הימל האָט אויסגעוויזן ווי גאָלד.
דער וואַנזיניקער האָט אויפסניי גענומען זוכן דעם פאַרלאָרענעם אוצר, זיין
כוח, פאַרשווונדן, זיין קערפּער געבויגן, און זיין האַרץ אין שטויב ווי אַן
אויסגעוואָרצלטער בוים.

קיינער לעבט ניט אייביק

קיינער לעבט ניט אייביק, ברודער, און קיין זאַך דויערט ניט לאַנג. האַלט עס
אין זינען און פריי זיך.
אונדזער לעבן איז ניט איין אַלטע לאַסט, אונדזער וועג איז ניט איין לאַנגע רייזע.
איין איינציקער דיכטער דאַרף ניט זינגען איין פאַרעלטערט ליד.
די בלום וועלקט און פאַרגייט; אָבער דער וואָס טראָגט די בלום דאַרף ניט
אייביק טרויערן איבער איר.
ברודער, האַלט עס אין זינען און פריי זיך.

עס מוז קומען אַ לאַנגע פויזע אריינצוועבן די פולע גאַנצקייט אין מוזיק.
דאָס לעבן זינקט צו זיין אונטערגאַנג צו ווערן פאַרטרונקען אין די גאָלדענע
שאָטנס.
ליבע מוז מען אָפּרופן פון איר שפּיל צו טרינקען די ליידן און ווערן פאַר־
טראָגן צום הימל פון טרערן.
ברודער, האַלט עס אין זינען און פריי זיך.

מיר איילן זיך צונויפזאַמלען אונדזערע בלומען זיי זאָלן ניט ווערן צערויבט פון
פאַרבייגייענדיקע ווינטן.
עס מאַכט שנעלער שטראָמען אונדזער בלוט און מאַכט העלער אונדזערע אויגן
צו כאַפּן די קושן וועלכע וואָלטן פאַרשווינדן אויב מיר לייגן עס אָפּ.
אונדזער לעבן איז פול מיט באַגערן, אונדזערע פאַרלאַנגען שטאַרק, ווייל די
צייט קלינגט דעם גלאָק פון צעשיידונג.
ברודער, האַלט עס אין זינען און פריי זיך.

ניטאָ פאַר אונדז קיין צייט צו קלאַמערן זיך אָן אַ זאַך, זי צעברעכן און ארויס־
וואַרפן אין שטויב.
די שעהען לויפן שנעל אַוועק, באַהאַלטנדיק זייערע טרוימען אין זייערע קליידער.
אונדזער לעבן איז קורץ; עס לאָזט איבער נאָר עטלעכע טעג פאַר ליבע.
וואָלט דאָס לעבן געווען בלויז פאַר געמיינע און שווערע אַרבעט וואָלט עס
געווען אומענדלעך לאַנג.
ברודער, האַלט עס אין זינען און פריי זיך.

שיינקייט איז פאַר אונדז זיס, ווייל זי טאַנצט צום זעלביקן פאַרגייענגלעכן טאַן
מיט אונדזער לעבן.
וויסן איז פאַר אונדז טייער, ווייל מיר וועלן קיינמאָל ניט האָבן די צייט זי צו
פאַרענדיקן.
אַלץ איז גרייט און פאַרענדיקט אין דעם אייביקן הימל, אָבער די ערדישע
בלומען פון אילוזיעס ווערן געהאַלטן אייביק פריש דורכן טויט.
ברודער, האַלט עס אין זינען און פריי זיך.

בלאָנדזשענדיקע פייגלען

בלאָנדזשענדיק פייגלען פון זומער קומען צו מיין פענצטער, זינגען און פליען אַוועק.
און געלע בלעטער פון האַרבסט, וואָס האָבן ניט קיין לידער, פלאַטערן און פאַלן דאָרט מיט אַ זיפץ.

*

דער סוד פון באַשאַף איז ווי די פינצטערניש פון דער נאַכט — ס׳איז גרויס.
די אילוזיעס פון וויסן איז ווי דער נעפל פון פרימאָרגן.

*

וואָס דו ביסט זעסטו ניט, און וואָס דו זעסט איז דיין שאָטן.

*

דער פויגל ווינטשט זיך צו זיין אַ וואָלקן. דער וואָלקן ווינטשט זיך צו זיין אַ פויגל.

*

דער פיש אין וואַסער איז שטיל, די חיה אויף דער ערד מאַכט אַ גערויש, דער פויגל אין דער לופט זינגט. אָבער דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך די שטיל־קייט פון ים, דאָס גערויש פון דער ערד און די מוזיק פון דער לופט.

*

מיטן אַראָפּרייסן איר שפּראָצונג, זאַמלסטו ניט די שיינקייט פון דער בלום.

*

דער שטורעם איז דער געשריי פון אַ גאָט אין יסורים, וועמענס ליבע די ערד ווייזט צוריק.

*

די בערג זיינען ווי דאָס געשריי פון קינדער וואָס הויבן זייערע אָרעמס און זוכן צו כאַפּן די שטערן.

*

דאַנק די פלאַם פאַר איר ליכט, אָבער פאַרגעס ניט דעם וואָס האַלט דעם לאָמפּ, שטייענדיק אין שאָטן מיט אויסדויער און געדולד.

דער שפּאַרבער האָט מיטלייד מיט דער פֿאָווע פֿאַרן טראָגן אַזאַ לאַנגן עק.

*

וואָרצלען זיינען די צווייגן טיף אין דער ערד.
צווייגן זיינען די וואָרצלען אין דער לופֿטן.

*

די זון האָט די איינפֿאַכע קלייד פֿון ליכט. די וואָלקנס זיינען באַפּוצט מיט פּראַכט.

*

די זון באַגריסט מיר מיט אַ שמייכל.
דער רעגן, זיין אומעטיקע שוועסטער, רעדט צו מיין האַרץ.

*

באַפּוץ די פֿליגלען פֿון אַ פֿויגל מיט גאָלד, און ער וועט קיינמאָל ניט קענען שוועבן אין הימל.

*

לאָז אים זען די דערנער, ווער עס האָט אויגן צו זען די רויז.

*

די נאַכט עפֿנט די בלום אין געהיים און דערלויבט דעם טאָג צו באַקומען דעם דאַנק.

*

ביימער קומען צו מיין פֿענצטער, ווי די פֿאַרבענקטע שטים פֿון דער שטומער ערד.

*

וואָלקנס קומען צושווימען אין מיין לעבן פֿון אַנדערע טעג, ניט צו גיסן מער קיין רעגן, אָדער אָנצוזאָגן שטורעמס, נאָר צו געבן קאָלירן צו מיין הימל אין זיין אונטערגאַנג.

*

אויב דו פֿאַרגיסט טרערן ווען דו פֿאַרפֿעלסט צו זען די זון, פֿאַרפֿעלסטו אויך צו זען די שטערן.

*

דער וואַסערפֿאַל זינגט: „איך געפֿין מיין ליד, ווען איך געפֿין מיין פֿרייהייט".

סימפאַטיע

מאַמע טייערע, ווען איך וואָלט געווען נאָר אַ קליין הינטעלע און ניט דיין קינד,
וואָלסטו צו מיר געזאָגט „ניין" ווען איך וואָלט געפּרוּווט עסן פון דיין
מאָלצייט?
וואָלסטו מיר אוועקגעטריבן זאָגנדיק, „גיי אוועק דו, קליין צולאָזן הינטעלע?"
אויב אזוי, גיי, מאַמע, גיי! איך וועל צו דיר מער ניט קומען ווען דו וועסט מיך
רופן, און קיינמאָל דיר ניט לאָזן געבן מיר עסן.

מאַמע טייערע, ווען איך וואָלט געווען נאָר אַ קליין גרינע פּאַפּוגיי, און ניט דיין
קינד, וואָלסטו מיך געהאַלטן אויף אַ קייט איך זאָל ניט קענען אַוועקפליען?
וואָלסטו געשאָקלט מיט דיין פינגער צו מיר און געזאָגט, „וואָס פאַר אַ אומדאנק-
באַרע באַשעפעניש פון אַ פויגל וואָס גריזשעט די קייט טאָג און נאַכט?"
אויב אזוי, גיי, מאַמע, גיי! איך וועל אַנטלויפן אין וואַלד און וועל דיר קיינמאָל
ניט לאָזן האַלטן מיר אין דיינע אָרעמס.

מוטער, איך וועל פלעכטן אַ קייט פון פערל

מוטער, איך וועל פלעכטן אַ קייט פון פערל פאַר דיין האַלדז מיט מיינע טרערן
פון טרויער.
די שטערן האָבן אויסגעאַרבעט זייערע רינגען פון ליכט צו באַצירן דיינע פיס.
אָבער מיינס וועט הענגען אויף דיין ברוסט.
רייכקייט און באַרימטקייט קומט פון דיר, און עס איז פאַר דיר צו שענקען
אָדער צוריקהאַלטן. אָבער מיין טרויער איז אינגאַנצן מיינער, און ווען איך
ברענג זי צו דיר ווי מיין קרבן, באַלוינסטו מיך מיט דיין חן.

אַ מתנה

איך וויל דיר עפּעס געבן, מיין קינד, ווייל מיר פאַרגייען אין שטראָם פון דער וועלט.

אונדזערע לעבנס וועלן זיין צעשיידט, און אונדזער ליבע פאַרגעסן.

איך בין אָבער ניט אזוי נאַריש צו האָפן אז איך קען קויפן דיין האַרץ מיט מיינע מתנות.

יונג איז דיין לעבן, דיין וועג איז לאַנג, איז טרינקסט די ליבע וואָס מיר ברענגען דיר אין איין צוג, און קער זיך אום און אַנטלויף פון אונדז.

דו האָסט דיינע שפּילן און דיינע חברים. איז וואָס פאַר אַ שאָדן קען דען זיין, ווען דו האָסט ניט קיין צייט וועגן אונדז צו טראַכטן!

מיר האָבן אויף דער עלטער גענוג פרייע צייט צו ציילן די טעג וואָס זיינען שוין פאַרגאַנגען, און טייער צו האַלטן אין אונדזערע הערצער דאָס, וואָס אונדזערע הענט האָבן אויף אייביק פאַרלאָרן.

דער טייך לויפט שנעל מיט געזאַנג, דורכברעכנדיק אַלע צוימען, דער באַרג אָבער שטייט און געדענקט, און פאָלגט איר נאָך מיט זיין ליבע.

מײַן ליד, קינד מײַנס

מײַן ליד, קינד מײַנס, װעט ארומװיקלען זײַן מוזיק ארום דיר, װי די צאַרטע אָרעמס פון ליבע.
מײַן ליד װעט באַרירן דײַן שטערן װי אַ קוש פון גליק.
װען דו װעסט זײַן אַלײן װעט עס זיצן בײַ דײַן זײַט און פליסטערן אין דײַן אויער, װען דו װעסט זײַן צװישן אַ סך װעט עס דיך באַשיצן פון דער װײַט.
מײַן ליד װעט זײַן װי אַ פּאָר פליגלען אין דײַנע חלומות, עס װעט אָװעקטראָגן דײַן האַרץ צום האָריזאָנט פון דאָס אומבאַקאַנטע.
עס װעט זײַן װי דער געטרײַער שטערן אין דער הויך װאָס װעט איבער דיר װאַכן װען די פינצטערע נאַכט איז אויף דײַן װעג.
מײַן ליד װעט זיצן אין די שװאַרצאַפּלען פון דײַנע אויגן, און װעט טראָגן דײַן בליק אין די הערצער פון באַשעפענישן.
און װען מײַן שטים איז שטיל און טויט, מײַן ליד װעט ריידן אין דײַן האַרץ װאָס לעבט.

וואָלסטו ארויפלייגן דיין קראַנץ

וואָלסטו ארויפלייגן דיין קראַנץ פרישע בלומען אויף מיין האַלדז, שיינהייט מיינע?

דו מוזט אָבער וויסן אז דעם קראַנץ וואָס איך האָב געפלאָכטן איז פאַר אַ סך, פאַר די וועלכע מען באַמערקט קוים, אָדער וואָס ווייַנען אין ניט אַנטדעקטע לענדער, אָדער וואָס לעבן אין לידער פון דיכטער.

עס איז צו שפעט צו בעטן מיין האַרץ ווי אַ באַלוינונג פאַר דיינס. עס איז געווען אַ צייט ווען מיין לעבן איז געווען ווי אַ קנאָספּ, די גאַנצע פאַרפיום איז געלעגן באַהאַלטן אין איר פלאַנץ.

איצטער איז זי צעשפרייט וויט און ברייט.

ווער ווייסט פון דעם כישוף וואָס קען עס צונויפנעמען און ווידער באַהאַלטן?

מיין האַרץ איז ניט מיינס צו געבן נאָר צו איינעם, עס איז געשאָנקען צו אַ סך.

איך יאָג זיך נאָך

איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.
איר קענט שמייכלען, מיינע פריינד, אָבער איך פאָלג נאָך דעם טרוים וואָס זוכט
פון מיר צו אַנטלויפן.
איך לויף איבער בערג און טאָלן, איך וואַנדער דורך אומבאַקאַנטע לענדער,
ווייל איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.
איר קומט אין מאַרק און קויפט און גייט צוריק אַהיים באַלאָדן מיט סחורה,
אָבער דער צויבער פון די הימלאַזע ווינטן האָבן מיך באַרירט איך ווייס
ניט ווען און ווו.
איך טראָג ניט קיין זאָרג אין מיין האַרץ; אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך
איבערגעלאָזן הינטער מיר.
איך לויף איבער בערג און טאָלן, וואַנדער דורך אומבאַקאַנטע לענדער — ווייל
איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.

מאַך מיר פריי

מאַך מיר פריי ווי פריי עס זיינען די פייגלען אין דער ווילדערניש, ווי דער וואַנדערער אויף אומבאַקאַנטע וועגן.

מאַך מיר פריי ווי פריי עס איז די פאַרפלייצונג פון רעגן, און ווי דער שטורעם וואָס שאָקלט זיינע לאָקן און איילט זיך צו גיין צו זיין אומבאַקאַנטן סוף.

מאַך מיר פריי ווי פריי עס איז דאָס וואַלד־פייער, ווי דער דונער וואָס לאַכט הויך און שטעלט אַ ווידערשטאַנד דער פינצטערניש.

אין אוידיענץ־זאַל

אין אוידיענץ־זאַל פון דער וועלט זיצט דאָס איינפאַכע בלעטל פון גראָז אויפן
זעלביקן טעפיך מיט די זון־שטראַלן און שטערן פון האַלבע נאַכט.
אזוי פאַרנעמען מיינע לידער זייער אָרט אין האַרץ פון דער וועלט מיט דער
מוזיק פון וואָלקנס און וועלדער.
אָבער, דו מענטש פון רייכקייט, דיין פאַרמעגן איז ניט אַ טייל פון דער איינ־
פאַכער הערלעכקייט פון זונס גאָלד און פון דעם זאַנפטיקן גלאַנץ פון דער
פאַרחלומטער לבנה.
די ברכה פון דעם אַלץ־ארומנעמענדיקן הימל פאַלט ניט אויף דיין רייכקייט,
און ווען דער טויט דערשיינט, ווערט עס פאַרבלאַסט, פאַרוועלקט און
צעפאַלט זיך אין שטויב.

רייד צו מיר, מיין געליבטער

רייד צו מיר מיין געליבטער! דערצייל מיר אין ווערטער וואָס דו האָסט געזונגען.

די נאַכט איז פינצטער. די שטערן זיינען פאַרלאָרן אין די וואָלקנס. דער ווינט זיפצט דורך די בלעטער.

איך וועל פונאַנדערלאָזן מיינע האָר. מיין בלאָער מאַנטל וועט מיך האַלטן פעסט ווי די נאַכט. איך וועל צופרעסן דיין קאָפּ צו מיין ברוסט; און אין דער זיסער איינזאַמקייט מורמלען צו דיין האַרץ. איך וועל פאַרמאַכן מיינע אויגן און זיך צוהערן. איך וועל ניט קוקן אין דיין פּנים.

ווען דיינע ווערטער וועלן קומען צו אַ סוף, וועל איך זיצן רואיק און שטיל. נאָר די ביימער וועלן פליסטערן אין דער פינצטער.

די נאַכט וועט ווערן פאַרבלאַסט. עס וועט נעמען טאָגן. מיר וועלן זיך קוקן אין די אויגן און פונאַנדערגיין אויף פאַרשיידענע וועגן.

רייד צו מיר, מיין געליבטער! דערצייל מיר אין ווערטער וואָס דו האָסט געזונגען.

האָב צוטרוי צו דער ליבע

„האָב צוטרוי צו דער ליבע אויב זי ברענגט אפילו טרויער, פאַרמאַך ניט דיין האַרץ״.
„אַך, נייך, מיין פריינד, דיינע ווערטער זיינען טונקל, איך קען זיי ניט פאַרשטיין״.

„דאָס האַרץ איז נאָר אוועקצוגעבן מיט אַ טרער און אַ ליד, מיין ליבסטע״.
„אַך, נייך, מיין פריינד, דיינע ווערטער זיינען טונקל, איך קען זיי ניט פאַרשטיין״.

„פאַרגעניגן איז שוואַך ווי אַ טראָפּן פון טוי, לאַכנדיק פאַרגייט עס. אָבער טרויער איז שטאַרק און בלייבט. לאָז טרויערפולע ליבע זיין וואַך אין דיינע אויגן״.
„אַך, נייך, מיין פריינד, דיינע ווערטער זיינען טונקל, איך קען זיי ניט פאַרשטיין״.

„דער לאָטוס בליט אין אָנזיכט פון דער זון, און פאַרלירט אַלץ וואָס עס האָט. זי וואָלט ניט קענען פאַרבלייבן אין שפּראָצונג אין דעם אייביקן נעפּל פון ווינטער״.
„אַך, נייך, מיין פריינד, דיינע ווערטער זיינען טונקל, איך קען זיי ניט פאַרשטיין״.

אין דעם טונקעלן וועג

אין דעם טונקעלן וועג פון אַ חלום, בין איך געגאַנגען זוכן די, וואָס איז געווען
מיינע אין אַ פריערדיקן לעבן.

איר הויז איז געשטאַנעןביים ברעג פון אַ פאַרלאָזענער גאַס.
אין אָוונט־ווינט איז איר באַליבטע פּאַווע געזעסן אויף אַ שטאַנג און געדרעמלט,
און די טויבן זיינען געווען שטיל אין זייער ווינקל.

זי האָט אַוועקגעשטעלט איר לאָמפּ ביים אריינגאַנג און איז געשטאַנען קעגן מיר.
זי האָט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן צו מיין פּנים און שטיל געפרעגט:
„ביסטו געזונט, מיין פריינד?"
איך האָב געפּרוווט ענטפערן, אָבער אונדזער שפּראַך איז געוואָרן פאַרלאָרן
און פאַרגעסן.

איך האָב געטראַכט און געטראַכט; אָבער אונדזערע נעמען זיינען ניט געקומען
אין מיין געדאַנק.
טרערן האָבן געשיינט אין אירע אויגן. זי האָט אויפגעהויבן איר רעכטע האַנט
צו מיר. איך האָב זי אָנגענומען און געשטאַנען שטיל.

אונדזער לאָמפּ האָט געצאַנקט אין אָוונט־ווינט און איז אויסגעגאַנגען.

אין אַ פרימאָרגן

אין אַ פרימאָרגן אין בלומען־גאָרטן, איז אַ בלינדע מיידל געקומען און מיר
געבראַכט אַ בלומען־קראַנץ אונטער אַ צודעק פון אַ לאָטוס־בלאַט.
איך האָב עס ארויפגעלייגט אויף מיין האַלדז, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין
מיינע אויגן.
איך האָב דאָס מיידל געקושט און געזאָגט: „דו ביסט בלינד גלייך ווי די בלומען.
„דו ווייסט אליין ניט ווי שיין עס איז דיין מתנה״.

וואָלקנס אויף וואָלקנס

וואָלקנס אויף וואָלקנס קלייבן זיך צונויף און עס ווערט פינצטער. אָ, געליבטע,
פאַרוואָס לאָזטו מיר וואַרטן אליין אין דרויסן ביים טיר ?
אין די באַשעפטיקטע מינוטן פון טאָג בין איך אין א געזעמל פון מענטשן, אָבער
אין דעם איינזאַמען טונקעלן טאָג איז מיין גאַנצע האָפענונג אויף דיר.
אויב דו ווייזט מיר ניט דייך פנים און דו לאָזט מיך אינגאַנצן אָן אַ זייט, ווייס
איך ניט ווי אזוי איך וועל אוועקלאָזן די־לאַנגע רעגנדיק שעהען.
איך קוק לאַנג אויף דעם ווייטן־אומעט פון הימל, און מיין האַרץ וואַנדערט
פאַרטרויערט מיט דעם אומרואיקן ווינט.

איך בין ווי די נאַכט

איך בין ווי די נאַכט צו דיר, קליינע בלום.
איך קען דיר נאָר געבן רו און וואַכזאַמע שטילקייט באַהאַלטן אין דער פינצטער.
ווען דו עפנסט דיינע אויגן אין פרימאָרגן, וועל איך דיר לאָזן אין אַ וועלט מיט
זשומען פון באַנען, און געזאַנג פון פויגלען.
מיין לעצטע מתנה צו דיר וועט זיין אַ טרער אריינגעטריפט אין די טיפעניש
פון דיין יוגנט; עס וועט מאַכן דיין שמייכל נאָך זיסער. און וועט פאַר־
נעפלען דיין אויסקוק אויף דער אומברחמנותדיקער לוסטיקייט פון טאָג.

איך האָב אַראָפּגעריסן

איך האָב אַראָפּגעריסן דיין בלום, אָ, דו וועלט!
איך האָב זי צוגעדריקט צו מיין האַרץ און דער דאָרן האָט געשטאָכן.
ווען דער טאָג איז פאַרגאַנגען און עס איז געוואָרן טונקל, האָב איך געפונען די בלום פאַרוועלקט, אָבער דער ווייטאָק איז געבליבן.

נאָך בלומען, אָ, דו וועלט, וועלן צו דיר קומען מיט פאַרפיום און שטאָלץ!
אָבער מיין צייט פאַר זאַמלען בלומען איז פאַרביי, און אין דער פינצטערער נאַכט האָב איך ניט מיין רויז, נאָר דער ווייטאָק פאַרבלייבט.

דער זעלבער שטראָם

דער זעלבער שטראָם פון לעבן וואָס לויפט דורך מיינע אָדערן נאַכט און טאָג,
לויפט דורך דער וועלט און טאַנצט אין אַ ריטמישן טאַקט.
דאָס איז דער זעלבער לעבן וואָס רייסט זיך אריין אין פרייד דורך דער שטויב
פון דער ערד אין אומצייליקע בלעטלעך פון גראָז און רייסט זיך אריין אין
די טומלדיקע כוואַליעס און בלומען.
דאָס איז דאָס זעלבע לעבן, וואָס וויגט זיך אין ים־וויגל פון געבורט און טויט,
פון צופלוס און אָפּפלוס.
איך פיל מיינע גלידער זיינען באַשאַפן וווּנדער־שיין דורך דעם באַריר פון
דער לעבעדיקער וועלט. און מיין שטאָלץ איז פון לעבנספולס פון דורות,
וואָס טאַנצט אין מיין בלוט אין דעם מאָמענט.

האַלט ניט דעם סוד

האַלט ניט דעם סוד פון דיין האַרץ פאַר זיך, מיין פריינד!
דערצייל עס מיר, נאָר מיר, אין געהיים.
דו וואָס שמייכלסט אזוי צאַרט, פליסטערט אזוי ווייך, מיין האַרץ וועט דאָס הערן, ניט מיינע אויערן.

די נאַכט איז טיף, דאָס הויז איז שטיל, די פייגל־נעסטן זיינען פאַרוויקלט אין שלאָף.
רייד צו מיר דורך שטאַמלענדיקע טרערן, דורך ציטערדיקע שמייכלען, דורך זיסער שאַנד און ווייטאָק, דאָס געהיימניש פון דיין האַרץ!

רייס אָפּ די קליינע בלום

רייס אָפּ די קליינע בלום און האַלט זי, לייג ניט אָפּ! איך האָב מורא זי וועט נעמען וועלקן און אריינפאַלן אין שטויב.

זי וועט אפשר ניט געפינען קיין אָרט אין דיין בלומען־קראַנץ, אָבער באַער זי מיט אַ ריר פון ווייטאָק פון דיינע הענט און רייס זי אָפּ.

איך האָב מורא דער טאָג וועט פאַרגיין און די צייט פון דעם אָנבאָט וועט פארביי.

אויב אפילו דער קאָליר איז ניט טיף און דער ריח איז שוואַך, נוץ די בלום אין דיין געבעט און רייס זי אָפּ ווען עס איז נאָך צייט.